ליטעראטור; דערנאָך האָט ער ארויסגעוואָרפן קימאט אלע „סאמעכן" פון זשארגאָן און אָנשטאָט זיי באנוצט זיך מיט „שינען", ווי למשל: אָנשטאָט „געגעסן"—„געגעשן", „פינצטער"—„פינשטער", „זיסע"—„זישע". און פּלוצים האָט ער גאָר אָנשטאָט יידישע ווערטער, געשטעלט דײַטשישע.

... „דער יידישער אוילעם מיט די יידישע אבאָנענטן האָבן, וויַיזט אויס, ניט געהאלטן פון לעווים רעפאָרמען אין דער יידישער שפּראך און די צאָל אבאָנענטן—5300, וועלכע ער האָט איבערגענומען בא צעדערבוימען, האָט ער געבראכט צו 1650, און ער האָט געמוזט די איינציקע יידישע צײַטונג אין רוסלאנד פארמאכן" („דער פרײַנד" פארן 1905 יאָר).

דער רעדאקטאָר לעווי פאלט אָן באזונדערס אף שאָלעם-אליי כעמס „פאָלקס-ביבליאָטעק".

קלאָר, אז שאָלעם-אלייכעם האָט ביסלעכוויַיז אופגעהערט צו שרײַבן אין „פאָלקס-בלאט". איז אָט, באקומט איינמאָל שאָלעם-אלייכעם א בריוו פון רעדאקטאָר לעווי מיט טײַנעס, לעמײַ ער האָט אופגעהערט צו שרײַבן אינעם „פאָלקסבלאט", בייס דאָס פובליקום קוקט אזוי שטארק ארויס אף זײַנע זאכן?

אָנשטאָט אן ענטפער, האָט שאָלעם-אלייכעם באשטעלט בא א מאָלער א גרויסע פײַג און עס אוועקגעשיקט דעם רעדאקטאָר-ארויסגעבער לעווי (וועגן דעם פאקט זע גענויער אין זשורנאל „שטערן" נום. 3, 1938 יאָר, וואָלף (וועוויק) ראבינאָוויטש—„שאָלעם-אלייכעמס הומאָר אין לעבן.—אן ענטפער אף א „פריגלאשעניע").

---

אין זײַן ערשטן בריוו צו מענדעלען אין יאָר 1884 האָט דער „אָנפאנגער" שאָלעם-אלייכעם געשריבן:

„אויב איך האָב מיט מײַנע אומבאדײַטנדיקע ארבעטן נאָך גאָרנישט ניט גע-געבן,—דערפאר אָבער וואָס פארא צוקונפט עס שטייט פאָר פאר מיר, ווי פאר אן אָנפאנגער, וואָס פארא ברייט פעלד פאר יעדן איינעם, וואָס ווינטשט צו ווידמען זײַן צײַט דער אווידע אפן מיזבייעך פון אונדזער פאָלקסמוזע!"

שאָלעם-אלייכעמס יוגנטלעכע טרוימען האָבן זיך אינגאנצן פארווירקלעכט. עס איז שווער צו געפינען נאָך אזא שרײַבער, וואָס זאָל זײַן אזוי באליבט בא זײַן פאָלק און זאָל פארמאָגן אזא הערלעכע צוקונפט.

---

א. וואָראָבייטשיק

# אין אן אָפּגעלעגן ווינקעלע

ס'איז פאראן אזא אָפּגעלעגן ווינקעלע אין שאָלעם-אלייכעמס שאפן, וווהין מיר ...קן זייער זעלטן ארײַן, כאָטש עס פארדינט בעפיירעש אונדזער גרעסטע אופ-...ערקזאמקײַט. מיר ריידן דאָ וועגן ש"א „לידער אין פּראָזע", וועגן זײַנע פאָלקס-...מלעכע געשיכטן און וועגן דעם צענדליק גרעסערע און קלענערע דערציילונגען, ...אָס ער האָט דירעקט געשריבן אף רוסיש. סײַ אלס אָריגינעלע ווערק, סײַ אלס ...וטאָרישע „איבערזעצונגען פון יידיש".

די דאָזיקע ווערק וויַיזן אונדז שאָלעם-אלייכעמען פון אזא זײַט און אנטפּלעקן אין ...נדזער געניאלן פאָלקס-שרײַבער אזוינע שטריכן, וואָס קענען אונדז ניט ווינציק ...טהעלפן באם באשטימען דעם אינערלעכן מעהוס פון זײַן גאנצן שאפן.

די „לידער אין פּראָזע" (אזוי האָט ש"א אָנגערופן אף רוסיש זײַנע קליינע לירישע ...קיצן), אָדער זײַנע „פּאָעזיע אָן גראמען" (אזוי האָט ער אָנגערופן די דאָזיקע סקיצן, ...יס ער האָט זיי צום ערשטן מאָל געדרוקט אף יידיש) האָט שאָלעם-אלייכעם אָנ-...שריבן אין די יאָרן 1888—1892, ד. ה. אף יענעם עטאפּ פון זײַן שאפן, ווען ער ...אָט נאָך עקספּערימענטירט מיטן קינסטלערישן וואָרט, ווען ער האָט ערשט געזוכט ...ין אייגנטימלעכן קינסטלערישן סטיל און האָט אויסגעפּרוווט די פּען אין אזוינע ...זשאנרען, וואָס זײַנען פאר דעם שפּעטערדיקן, וועלטבארימטן שאָלעם-אלייכעמען ...ער ווינציק כאראקטעריסטיש. אין דער צײַט טאקע (17-טן יאנוואר 1889 י.) האָט ...ענדעלע אים געשריבן:

... „סטעמפּעניו" איז א געראָטענע זאך. עס זײַנען אין אים [פאראנען] שטעלן ...עלכע, וואָס וויַיזן באשײַנפּערלעך, אז גאָט האָט אײַך געבענטשט מיט א פּילנד ...ערץ, אז איר האָט אין אײַך דעם ברען: דאָס פּינטעלע פּאָעזיע און דער פונק ...ער אין אײַך וועט מיט דער צײַט זיך צעברענען, צעפלאקערן...

„... איר האָט א טאלאנט, א גרויסן טאלאנט. איך זאָג אײַך נאָכאמאָל טאקע ...עפּיירעש, ראָמאנען שרײַבן איז נישט פאר אײַך. אײַער זשאנער איז גאָר עפּעס ...נדערש. ווו איר באשרײַבט דאָס לעבן, איז א פארגעניגן צו לייענען. ס'איז דאָ ...ץ, הומאָר, אָבער ווו איר שפּילט א ליבע, קומט אויס גאָרנישט..." („שריפטן" ...עו, 1928 י. ז. ז. 160-161) מענדעלעס אָפּשאצונג פון ש"א'ס טאלאנט און זײַן פּראָ-...אָז זײַנען נאָך מער ווי צו „סטעמפּעניו" אָנגעמאָסטן געווען פאר דער גרעסטער ...יל פון ש"א'ס „לידער אין פּראָזע" און פאר זײַנע פאָלקסטימלעכע געשיכטן (די

לעצטע זײַנען, אגעוו, אָנגעשריבן ערשט אין 1892—1898 י). דאָ האָט בלענדנדיק א בליאסק געטאָן ש"א'ס אויסעראָרדנטלעכער טאלאנט, דאָ האָט אָבער קימאט איינגאנצ געפעלט די ראָזינקע פון ש"א'ס אייגנטימלעכקײַט—דער הומאָר: אנשטאָט וויצ און הומאָר, האָבן זיך דאָ אָפט דורכגעריסן בא ש"א'ען סענטימענטאלע טענער. אייניקע סקיצן און עטיודן פארציט גאָר א לײַכטער ראָמאנטישער הויך א. א. וו.

דער דאָזיקער כיסאָרן ווערט אָבער קאָמפענסירט אין א געוויסער מאָס דורך דעם, וואָס אין די דאָזיקע סקיצן און עטיודן האָט ש"א אומיטלבאר ארויסגעוויזן



שאָלעמ-אלייכעמ בײַס זײַנ לעצטנ טור אינ רוסלאנד (1914 יאָר)

אייניקע שטריכן פון זײַן כאראקטער, אייניקע זײַנע אָנשויונגען און אייניקע מאָמענטן פון זײַן וועלטבאנעם, וואָס זעען זיך אמאָל ניט אזוי דײַטלעך ארויס אין זײַנע שפעטערדיקע קלאסישע ווערק, ווו דער אָנשטעקנדיקער הילכיקער געלעכטער פארטויבט שיר ניִשט דעם הארצרײַסנדיקן ווייגעשריי, ווו דאָס ראפינירטע-איראָנישע שמייכעלע פארשטעלט אמאָל דעם ראכמאָנעס און טיפסטן מיטגעפיל, ווו דאָס אויסערלעך קאָמישע באהעפט זיך אזוי אָפט צו די טרויעריקסטע לעבנס-שילדערונגען.

שאָלעמ-אלייכעמ שטעקט אָן זײַן לייענער מיט אן אומיטלבארן, אומגעצוווּנגענעם געלעכטער, און יענער פארגעסט אמאָל, אָדער ער באמערקט אפילע לעכאטכילע ניט, ווי שטארק אָנגעזאָלעט עס איז דעם אווטאָר אפן הארצן, ווי טיף אופגערעגט איז פונעם באָבאכטן און געשילדערטן. קינד און קייט כאזערן איבער אָן אופהער ש"א'ס „פריילעכנ" אפאָריזם: „לאכנ איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאכנ"... נאָר אי... נער פון טויזנט פארגעסט ניט דערבײַ, אז דער דאָזיקער אפאָריזם איז נאָר אן א...



...ווארטער, ביטערלעך-זויערלעכער, האלב איראָנישער, האלב אָפטימיסטישער אויס-... פון גאָר ניט קיין פהיילעכער קאָנסטאטאציע. אָט איז זי וואָרט אינ וואָרט:

„און דער שנײַדער נעבעכ?... און דער האיויצע-לאָנר-מיזע...[1]) און דער מײַ-קאָ-...שמע-לאָנ[2]) פון דער מײַסע?—ווערט פרעגן דער לעזער.—צווינגט מיך נישט, קינ-...ר! דער סאָפ איז געווען נישט קיין גוטער סאָפ. אָנגעהייבן האָט זיך די מײַסע ...ער פריילעכ, און אויסגעלאָזט האָט זי זיך, ווי דאָס ראָוו פריילעכע געשיכטעס, ...ווי, זייער טרויעריק... און מאכמעס איר קענט דעם מעכאבער פון דער גע-...כטע, אז ער איז בעטעווע ניט קיין מאָרע-שכוירעניק און האָט פײַנט קלאָגעדיקע ... האָט ליב בעסער לאכעדיקע מײַסעס, און מאכמעס איר קענט אים און ווייסט, ...ער האָט פײַנט „מאראל" און זאָגן מוסער איז ניט זײַן דערעכ—לאָכיינ געזעגנט ... מיט אײַכ דער פארפאסער לאכנדיק און ווינטשט אײַכ, אז יידן און גלאט מענטשן ... דער וועלט, זאָלן מער לאכנ איידער ווייִנען... לאכנ איז געזונט, דאָקטוירים ...סן לאכנ..." („דער פארקישעפטער שנײַדער"). אָט דאָס איז דער שלוס-אקאָרד פון ...ער פון די וויציקסטע קאָמישסטע און פריילעכסטע מײַסעס ש"א'ס. די גאנצע ...טע איז קונציק אופגעבויט אפ א לוסטיקן, אומשולדיקן אנעקדאָט: א „הינקעדיקער ...ידער" א שיקער און א „פארשלעפטע קרענק", א באלמעלאָכע—א פארטאטש און ...צו א שטיק „לאמדנ", וואָס האקט אינ קרויט אמהאָראציש-צעקאליעטשעטע פסו-...ים, וועלכע ער פארטײַטשט, אגעוו, אפ זייער א שארפזיניקן און אפ וויציקן אופן, ...וס זיך פון זײַן שטעטל אינ א שכייניש שטעטל קויפן א ציגו אונטערוועגנס פאר-...ט ער צו זײַנעם א קאָרעוו, א קרעטשמער, און מאכט פון אים כויזעק, ווי פון א ...אָבן יישוווניק—אן אמהאָרעצ. דער פארגרעבטער יישעווניק, וואָס האלט זיך אָבער ...ער א יידן א באלעבאָס, קוקט פון זײַן זײַט פון אויבן אראָפ אפן „שנײַדער דעם ...לגע", וואָס „ווי קומט ער זײַן א מייוונ אפ ציגנ!?" אופגערייצט פון דעם „פאלגעס" ...עכווערטלעכ, בײַט ער אים אום די געקויפטע ציג אפ א צאפ. און צוויי יידישע ...מיינדעס מיט זייערע ראבאָנים און דאיאָנים אינ דער שפיצ, פארפלאָנטערן זיך ... א „פארקישעפטן קרײַז" און קענען בעשום אויפן ניט פארענטפערן די רעטעניש, ... א ציג ווערט פארוואנדלט פלוצים אין א צאפ, נאָך מער, אייניקע פון די אָנ-...ילנעמער, ווי עס ווײַזט אויס, פארשטייען ביכלאל ניט, פארוואָס זאָל זיך א צאפ ...ט מעלקן.

...אפ דער דאָזיקער אנעקדאָטישער קאנווע האָט ש"א אויסגעמאָלט א פרעכטיקן, שפי-...עודיקן, קינסטלערישן בילד מיט אויסעראָרדנטלעך קאָמישע, אביסל שארזשירטע, גע-...שאלטן; די גאנצע דערציילונג איז איין קייט פון די לוסטיקסטע, שארפזיניקסטע וויצן, ...לקסווערטלעכ, ווערטער-שפילן, האמצאָעלעכ, טעוויע-טײַטשן און פאראָדיעס אפ ...ע ביבלישן, פאטריארכאל-עפישן סטיל. דער גרעסטער מאָרעשכוירעניק מוז ארויס-...לאצן מיט א געלעכטער, הערנדיק די דאָזיקע קאָמישע מײַסע. שאָלעמ-אלייכעם האָט ...פילט, אז ער מוז וואָרענען דעם לייענער, אז ער מוז אים געבן אן אָנצוהערעניש, ... דער אנעקדאָט איז, אינ טאָכ, גאָר קיין אנעקדאָט ניט, אז אונטער דעם וויצ און ...טעסק ליגן גאנצע פלאסטן פון טיפ-רעאליסטישע שילדערונגען, פון טרויעריקע

[1]) דער אויספיר.
[2]) וואָס לאָזט עס מיך צו הערן.

לעבנס־בילדער, אופגעדעקטע סאָציאַלע קאָנפליקטן און אופוואַכנדיקן פּראָטעסט פֿון די דערשלאָגענע, פאַרפינצטערטע האָרעפּאַשנע מאַסן. (דער פאַרקישעפטער שנײַדער טרעט שטענדיק אַרויס קעגן די קאַהאַלשע בלוטצאַפּערס). און די וואָרענונגען האָבן אויך ניט געהאָלפן. אין א 2—3 יאָר אַרום (דעם 3-טן יול 1903 י.) קומט ש"א'ן אויס צו דערקלערן אײנעם זײַנעם א לײענער—א העברעיִשן שרײַבער,—אַז... הומאָר און באַדכאָנעס זײַנען צוויי פאַרשיידענע זאַכן:

„... שוין זשע דאַרף מען זײַן א מאַרשאַלעק, ווי איר זאָגט, מען זאָל שרײַבן אין „יוד" (דאָרטן איז, אגעוו, געדרוקט געוועז אויך „דער פאַרקישעפטער שנײַדער" א. א. וו.) אַזעלכע זאַכן ווי „טעפּל", „אָפּן פידל", „קליינע מענטשעלעך", „ריאַבטשיק", „כאַנעקע־געלט", „א מײַסע מיט א פּאָן" א. א. וו....

„... און כוץ־לאָזע, איז גלאַט א פּאַרדראָסיקע זאַך, לעמײַ אונדזערע לעזער ווילן נישט פאַרשטיין קיין הומאָר, האָבן פײַנט סאַטירע! וואָס זאָל איך טאָן, אַז עס קומט צום שרײַבן, עס מעג זײַן דער סיוזשעט טרויעריק ביז גאָר, מאַכן מיר די בילדער לאַכנדיק? בערל דער רויטער, ווי אומגליקלעך ער זאָל ניט זײַן, העגעך דער באָכער וואָס פּאַר א שלימאַזל ער זאָל ניט זײַן—קומען אַרויס בא מיר פריילעך לעבעדיק!

„... וואָס דאַרפט איר מער—דער ערשטער באַרמינען, וואָס איך האָב אין מײַן קינדהײַט געזען, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז ער פינטלט מיט די אויגן, און דער געדאַנק אַז א באַרמינען פינטלט מיט די אויגן, און דאָס בילד פון דעם, האָט מיך געמאַכט אַזוי לעכערלעך, אַז איך האָב א צײַט ניט געקאָנט שלאָפן..." („מאָרגן פרײַהײַט" 24/11, 1935 י.). אין 1910 י. אין א פּאָרעדע צו דער רוסישער איבערזעצונג פון זײַנע ווערק קערט זיך ש"א ווײַטער אום צו דער דאָזיקער אָנגעווייטיקטער פראַגע:

„... איך סטאַרע זיך אופצוכאַפּן דעם אינווייניקסטן זין אינעם לעבן פון דיי אײַנוווינער פונעם „טכום", און איך געפין דאָ דאָס ליכטיקע געשטאַלט פון דעם מענטשן, מיט אַלע זײַנע פריידן, טרויערן און שטרעבונגען צום אידעאַל. די ווידערשפּרוכן, וואָס מיר באַגעגענען צווישן די אויסערלעכע באַדינגונגען פונעם לעבן אין דעם פינצטערן „טכום" און די ריינע באַוועגונגען פון דער נעשאָמע, שאַפן צומאָל קאָמישע סיטואַציעס, וועלכע רופן אַרויס אַמאָל א שטילן שמייכל, אַמאָל א הויכן געלעכטער. און אָט די דערשײַנונג שרײַבן די לײענער צו גאַנץ אָפט ניט דעם לעבן גופע, פאַר וועלכן דאָס איז אייגנטימלעך, נאָר דער פאַנטאַזיע פונעם שרײַבער, וואָס איז געשטימט צו שפּאַסן..."

די ענגע ראַמען פון אונדזער איצטיקער טעמע דערלויבן מיר ניט צו אַנאַליזירן די קוואַלן פון ש"א'ס הומאָר און צו זוכן דעם סאָציאָלאָגישן עקוויוואַלענט זײַנעם. איך האָב נאָר געוואָלט דערמאָנען די אַלטע ניט־פאַרשטייעניש וועגן ש"א'ס „פריילעכער געלעכטער, וועגן דער „טענדענציעזלאָזער", שיר ניט „אידייענלאָזער", וויציקײַט זײַנער א. א. וו. ש"א האָט פײַנט געהאַט אונטערצורוקן דעם לײענער א פאַרטיקן מוסערהאַסקל. ער האָט געוואָלט, אַז יענער זאָל אַליין מאַכן די געהעריקע אויספירן. ש"א האָט געהאַלטן, אַז זײַנע פריילעכע מײַסעס לאָזן שטענדיק איבער באַם לײענער א ביטערן אָפּזאַץ (אַזוי האָט ער געשריבן אין א בריוו צו דינעזאָנען) און ער האָט עס, אפּאָנעם, טאַקע געוואָלט, ערשטנס, ווײַל ער איז אויסן געווען צו געבן אָביעק־



טיווע רעאַליסטישע שילדערונגען פונעם טרויעריקן, מאַמעש טראַגישן ייִדישן לעבן פון זײַן צײַט, ווײַל די עצעם קאָמישקײַט פון זײַנע געשטאַלטן און סיטואַציעס האָט ער געהאַלטן פאַר א ביטערן פּראָדוקט פון דעם דאָזיקן טראַגישן לעבן. צווייטנס, האָט ש"א באַהאַלטן הינטערן געלעכטער אַן אייגנאַרטיקן פּראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג ביכלאַל און קעגן דער צאַרישער־פּאָליציישער מעלוכע־סיסטעם ביפראַט.

ש"א איז געווען א דעמאָקראַט, א הומאַניסט. ער האָט אינערלעך שווער געליטן פון דער אומגערעכטיקײַט—אומגלײַכהײַט, וואָס האָט דאַן געהערשט אפּ דער גאַנצער וועלט. אים האָט שאָקירט און געפּײַניקט די „אומענטשלעכקײַט פונעם מענטשן", דער עגאָיזם פון איינצלנע מענטשן און דאָס פעלן פון ראַכמאָנעס און מיטגעפיל צום דערשלאָגענעם און אונטערדריקטן מיצאַד דער גאַנצער געזעלשאַפט. אין פאַרשיידענע פעריאָדן און אַפּ פאַרשיידענע עטאַפּן פון זײַן שאַפן האָבן ש"א'ס דעמאָקראַטיזם און הומאַניזם אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמעס און זײַנען אַפּ א פאַרשיידענעם אויפן געקומען צום אויסדרוק אין זײַנע ווערק. צײַטנווײַז און ערטערווײַז זײַנען זיי אָפּגעטראָטן אין הינטערגרונט און זײַנען אַביסל פאַרשטעלט געוואָרן דורכן וויץ און דער גראָטעסקישער האַמצאָעלע. אָבער אויסגעפעלט האָבן זיי קיין מאָל ניט אין ש"א'ס שאַפן. פונקט אַזוי ווי דער אָפענער אָדער פאַרשלײערטער פּראָטעסט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

אין ש"א'ס „לידער אין פּראָזע" און אין זײַנע פאָלקסטימלעכע געשיכטן איז דער עלעמענט פון הומאָר ביז גאָר שוואַך. דערפאַר אַנטפּלעקט זיך דאָ פאַר אונדז אינגאַנצן ש"א דער דעמאָקראַט, דער הומאַניסט, ווען עס זײַנען אפילע ניט פרעמד די סענטימענטאַלע שטימונגען אי, טיילווײַז, אַפילע ראָמאַנטישע איליוזיעס. אינגאַנצן גענומען איז ער אָבער א שטרענגער באַוווסטזיניקער רעאַליסט.

אָנהייב 1888 י. גיט ש"א אַרויס א קליין ביכעלע מיט 18 קורצינקע לירישע סקיצן און עטיודן אונטערן נאָמען: „א בינטל בלומען, אָדער פּאָעזיע אָן גראַמען". דער ערשטער נאָמען שטאַמט פון דער ווידמונג (אָפּן פרישן קייווער פון זײַן זעליקן פאָטער לייגט דאָס דאָזיקע „בינטל בלומען" אַנידער צום אָנדענק, זײַן זון—דער מכאַבער), דער צווייטער—כאַראַקטעריזירט שוין די ווערק גופע. די „בלומען" האָבן ניט קיין גראַמען. אין זיי האָט געפעלט אויך א באַשטימטער, שטרענגער ריטם, כאָטש אַן אייגנאַרטיקער, אינערלעכער עפּיש־דערציילערישער ריטם איז דאָ געווען. דערפאַר זײַנען זיי אָבער דורכגעזאַפּט געווען מיט אַזא טיפן ליריזום, אַז זיי האָבן פולקאָם פאַרדינט דעם נאָמען „לידער אין פּראָזע".

אין 1892 י. ווען ש"א האָט געלעבט אין אָדעס, האָט ער אַליין איבערגעזעצט, טיילווײַז אפילע היפּש איבערגעאַרבעט, 8 פון די דאָזיקע סקיצן, האָט צוגעשריבן, פונעם אָפּאָנעם דירעקט אַפּ רוסיש, נאָך אַן אָנדערהאַלבן צענדליק און האָט זיי אָפּגעדרוקט אין דער ליבעראַלער, לויט דער מיינונג פון אָדעסער צאַרישע ביוראָקראַטן—גאַלע „פּאָליטיש ניט זיכערער" טעגלעכער רוסישער צײַטונג: „אָדעסקיִע נאָוואָסטי". לויט דער נומעראַציע פון דער צײַטונג, האָבן דאָ געזאָלט זײַן געדרוקט 27 „לידער אין פּראָזע" (אונטער אַזא אַלגעמיינעם קעפּל זײַנען זיי געגאַנגען אין „אָד. נאָוו."), אָבער איך האָב געפונען אין די אַנטשפּרעכיקע

נומערנ פונ דער צײַטונג (פונ 7/11 1892 ביז 16/1 1893) נאָר 25 לידער. צי דאָ איז פאָרגעקומענ א טאָעס מיצאַד דער רעדאקציע, אָדער די איבעריקע צוויי לידער זײַנענ געדרוקט געווענ אינ א בײַלאגע, וואָס האָט געפעלט אינ דעמ קאָמפּלעקט, וואָס איכ האָב געהאלטנ, ווייס איכ ניט. גיכער ווי אלצ איז דאָ פאָרגעקומענ א טאָעס אינ דער נומעראציע פונ דער צײַטונג.

אינ 1889 י. האָט ש״א איבערגעדרוקט 12 פונ די דאָזיקע רוסישע „לידער״ אינ „וואָסכאָד״ (№ 12-11) אונ האָט ווײַטער איבערגעארבעט א פאָר פונ זיי (דאָ הייסנ זיי, אגעווו: „מײַסעלעכ פונ געטאָ״).

אינ דער 28-בענדיקער קלעצקינס אויסגאבע פונ אלע ווערק ש״א׳ס זײַנענ ארײַנ נאָר 9 פונ די 35 „בלומענ״.

העכער א צענדליק כונ ש״א׳ס „לידער אינ פראָזע״ איז מיר אפּ יידיש קיינמאָל ניט אויסגעקומענ צו זעענ. אונ איכ מיינ, אז זיי זײַנענ אפּ יידיש קיינמאָל טאקע ניט דערשינענ...

איידער מיר וועלנ צוטרעטנ צומ אנאליז פונ די „בלומענ״, ווילט זיכ מיר ברענגענ אנ איבערזעצונג פונ א פאָר פונ די רוסישע „לידער אינ פראָזע״ וואָס זײַנענ אונדזער לייענער זיכער ניט באקאָנט.

## I. „מיט וואָס זשע האָט ער געהאנדלט?

„אינ אנ אײַנגעפאלנ הײַזל, בא די שוידערלעכסטע באדינגונגענ, איז שטיל אויסגעגאנגענ א פאָעט.

„אנ איינזאמער, א באשיידענער, ניט ווסנדיק וואָס הייסט אזוינס זײַנ באריִמט, האָט ער דאָכ זײַנ גאנצנ לעבנ אָפּגעגעבנ פארנ נוצנ פונ זײַנ לײַבלעכ-אייגענער ליטעראטור אונ האָט זײַנ גאנצע נעשאָמע ארײַנגעלייגט אינ זײַנע ווערק.

ווייטיקנדיק מיט די ווייטעקנ פונ זײַנ געליבטנ פאָלק, האָט ער געוועקט אינ אימ די בעסטע געפילנ.

„שטיל אונ אינ אומעט פארזונקענ האָט זיכ די לעוואיע געצויגנ איבער די פוסטע גאסנ פונ אונדזער פארוואָרפענעמ העק.

— „ועמעס לעוואיע איז עס? — האָט בא מיר א פרעג געטאָנ איינער פונ די, וואָס זײַנענ נאָכגעגאנגענ נאָכ דער מיטע — א יוסטער באלעבאָס — רעב נאכמענ ביאלער.

„איכ האָב אימ אָנגערופנ דעמ פאָעטס נאָמענ.

— „המ... אנ אומבאקאנטער נאָמענ, — האָט זיכ געכידעשט דער כאָשעווער באלעבאָס. — לאכלוטנ אנ אומבאקאנטער נאָמענ!.. מיט וואָס זשע האָט ער געהאנדלט?

---

## II. „אָט א פרעכער יונג!

„קוים באוועגנדיק זיכ איבער דער פאראדנער הויפּט-גאס פונ דער גרויסער שטאָט, האָט אינ א שיינעמ זומער-אָוונט סטאטעטשנע שפּאצירט א פאראדנער האמוינ פונ ליידיקגייער.



„ס׳ארא שלאל גלאנציקע צילינדערס! וואָס פארא אויסטערלישע וווּנדערלעכע [...]אמענ-קליידער, פאראסאָנענ, פעכערס, היטעלעכ — א יאמ מיט בלומענ!

„אינ דער צײַט האָט עפּעס אנ אָרעמ-געקליידעטער יונגערמאנ, זיכ שטויסנדיק מיט די עלנבויגנס, געסטארעט דורכצושלאָגנ זיכ דורכ דער קאוואלקאדע פונ די אויסגעפּוצטע ליידיקגייער.

„ — אָט א פרעכער יונג! — האָבנ געבורטשעט די אויסגעפּוצטע ליידיקגייער אונ [...]אָבנ מיט שרעק אָפּגערוקט זיכ, דורכלאָזנדיק דעמ „פרעכנ יונג״ אונ קיינעמ איז [...]אָרניט אײַנגעפאלנ ארײַנצוקוקנ אינ דעמ אופגערעגטנ, גאָרניט פרעכנ פּאָנעמ [...]ונעמ „פרעכנ יונג״.

„קיינעמ האָט ניט אָנגעהויבנ צו אינטערעסירנ אפילע, וואָס קומט פאָר אינ [...]הארצנ פונ אָט דעמ בידנעמ פאריער. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס האָט אימ [...]אזוי געיאָגט: א מוירעדיקער אומגליק אָדער א גרויסע פרייד? עפּשער איז אינ דער [...]מינוט גראד אויסגעגאנגענ דאָס טײַער לעבנ פונ א נאָענטנ געליבטנ פרײַנט, אונ [...]ער האָט יעדער רעגע געקענט פארשפּעטיקנ דעמ לעצטנ זײַ געזונט? עפּשער האָט [...]ער געײַלט אפּ א באגעגעניש מיט א ליב באשעפעניש אונ פונ דעמ איז אָפּגעהאנג[...]ענ זײַנ גאנצ לעבנ? עפּשער האָט דאָס רעדעלע פונעמ מאזל א דריי געטאָנ זיכ [...]אינ זײַנ זײַט, אונ ער האָט געוווּנענ דאָס גרויסע געווינס, אפּ וועלכנ עס ווארטנ [...]טויזנטער טויזנטער מענטשנ? עפּשער, אונ דאָס איז דאָכ גיכער פונ אלצ, האָט ער [...]אָפּגעהאָרעוועט א גאנצינקנ טאָג פונ סאמע אינדערפרי, האָט פארדינט אפּ ברויט [...]מיט טיי, אונ איצט אײַלט ער, דער עלנטער, אהיימ, ווו ס׳ווארטנ אפּ אימ א [...]קראנק ווײַב, אנ אלטיטשקע מאמע אונ הונגעריקע קינדערלעכ, נעבעכ וואָס קוקנ [...]ארויס אפּ א שטיקל ברויט?

„עפּשער... נאָר ס׳וויל ניט טראכטנ דער אויסגעפּוצטער האמוינ פונ ליידיק-[...]גייערס, זיי רוקנ זיכ אָפּ מיט שרעק אונ לאָזנ דורכ דעמ „פרעכנ יונג״.[1]

---

## III. מיר גייענ ארויס אפנ האפנ

### (א בילדל פונ דער נאטור)

דער לערער פונ די ייִנגערע קלאסנ איז בעעצעמ געווענ א גוט-הארציקער אונ [...]גערעכטיקער מענטש, אונ צו זײַנע קליינע טאלמידימ האָט ער זיכ באצויגנ מיט [...]לטענער ליבע אונ עמעס רירנדיקער צערטלעכקײַט. ער איז נאָר געווענ נערוועז [...]אונ אופרעגעוודיק, פלעגט זיכ פלוצעמ אָנצינדנ, ווי א שוועבעלע, נאָר פונקט אזוי [...] פלעגט ער אָפּגעקילט ווערנ אונ, קומענדיק צו זיכ, פלעגט ער טיפּ אינ הארצנ [...]ראָטע האָבנ אפּ זײַנ צאָרנ-אויסברוכ.

[...]איינמאָל האָט זיכ אינ מיטנ לימעד אנ׳עפנ געטאָנ די טיר, אונ אינ קלאס [...]ו ניט זיכער ארײַנ א קליינ, נעבעכדיק באשעפעניש, אָפּגעריסנ, אָפּגעשליסנ, מיט [...]טאָרבעלע, אנשטאָט א ראניעצ.

דער אָרעמער שילער האָט זיכ מיט א דערשראָקנ פּאָנעמ אָפּגעשטעלט בא דער

טיר און איז געבליבן, ווי צוגעשמידט צום אָרט. דער לערער, אויסער זיך פאַר כּעס, מאכט אים איין אויסרייד, דראָט אויסצושליסן פון שול, דערזען אָבער טרערן אין די אויגן פון דעם אָרעמען יינגעלע (ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין טרערן), האָט דער לערער לויט זיין געוווינהייט, פריינטלעך א זאָג געטאָן: — נו גוט, זעצט זיך שוין. היינטיקס מאָל בין איך אייך מויכל נאָמירלעך, זאָגט מיר נאָר, פאַרוואָס פאַרשפּעטיקט איר עפּטער פון אנדערע, און פאַרוואָס האָט איר היינט פאַרשפּעטיקט?

„מיר... איך.. .דאָס הייסט מיין טאטע איז א שווארץ־ארבעטער,—פאַרענטפערט זיך דער קליינער פאַרברעכער,—מיר גייען פאַרטאָג ארויס אפּן האפּן"...

— איר גייט ארויס אפּן האפּן? וואָס הייסט עס? דערלויבט... איך הייב ניט אָן פאַרשטיין. איך... בין איבערראשט, איך בין געפּלעפּט... און נאָך א מין געפּלעפּט! דער לערער האָט אויסגעטאָן די שפּאקולן און האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן:

— הייסט עס, איר גייט ארויס אפּן האפּן?

„יאָ, אז ס'איז נאָר דאָ ארבעט".

— זייער פיין! אָבער דער ארבעטער, האָט איר דאָך געזאָגט, איז אייער פאָטער?

„דער פאָטער. נאָר ער איז א שטומער, ד. ה. מיין פאָטער איז א טויב־שטומער, און ניט יעדערער פאַרשטייט אים... איך מאך אָפּ, און ארבעטן ארבעט ער..."

---

אָט די דריי „לידער" גיבן אונדז שוין א געוויסע פאָרשטעלונג וועגן ש"א'ס „קרעדאָ", וועגן זיינע עמעסע שטימונגען. דער פּאָעט, דאָס בעסטע קינד פונעם פאָלק, וואָס ליבט בעמעס זיין פאָלק,—פּראָקלאמירט ש"א—דארף ניט קוקן אָפּ די יוסטע באלעבאטים—די האנדליארעס, דארף ניט לייגן קיין אכט אָפּ זייער אנער־קענונג, צי ניט־אנערקענונג,—ער דארף וועקן די בעסטע געפילן אינעם פאָלק. אין זיינע קריטיש־פּובליצסטישע ארטיקלען פון די יאָרן האָט ש"א ניט איינמאָל ארויס־געזאָגט דעם געדאנק, אז די קינסטלערישע ליטעראטור דארף זיין א רעאליסטישע, דארף געבן א ריכטיקע פאָרשטעלונג פונעם לעבן און דארף מיטווירקן צו דער דערציִונג און בילדונג פונעם לייענער. הומאָר און סאטירע זיינען, לויט זיין מיינונג, נאָר א פאָרמע, וואָס מאכט נאָך מער פארדייַבאר דאָס באלערנדיקע אין דער ליטע־ראטור, דעם מוסער־האסקל.

דער שרייבער דארף, לויט ש"א'ס מיינונג, זיין א לערער און א דערציִער, ער דארף אָבער עמעס ליב האָבן דאָס פאָלק און זיין אים געטריי. אין דעם פּעריאָד, ווען ש"א האָט געשריבן זיינע „לידער אין פּראָזע", געפינט ער זיך באשײַמפּערלעך אונטער דער ווירקונג פון רוסישע אופקלערער פון די 60־טע יאָרן און פון די שפּעטערדיקע דעמאָקראטישע רוסישע פאָלקס־שרייבער. אין זיין קאמף קעגן דער בולוואר־ראָמאנטיק נוצט ער אויס א פּאָר טעזיסן פּיסארעווס וועגן „רעאליזם און אידעאליזם". ער שעצט זייער הויך נעקראסאָוון, נעמט איבער אייניקע זיינע מאָטיוון און פּרווט אפילע שרייבן פּאָעמעס, נאָכמאכנדיק נעקראסאָוון א. א. וו.

שאָלעם־אליכעם פילט הארציק מיט דעם אָרעמאן, דעם הונגעריקן האָרעפּאשניק פון וועלכן די „פּניי"—די אויסגעפּוצטע לײדיקגייער—קערן זיך אָפּ מיט שרעק אז



פאראכטונג. זיין מיטגעפיל צום עלנטן פלעכט זיך איבער מיט פאראכטונג און האס צום „אויסגעפוצטן ליידיקגייערישן האמוין", וואָס וויל ניט טראכטן און קען ניט מיט־פילן. ש"א'ען פּייניקט דער געדאנק, אז אין די געציילטע גליקלעכע מינוטן, ווען א טויב־שטומער שווארץ־ארבעטער האָט שוין יאָ ארבעט און קען פארדינען אָפּ א טרוקן שטיקל ברויט, מוז ער אָפּרייסן זיין קליין קינד פון שול, פון לערנען און מוז אים שלעפּן מיט זיך אין האפן אלס דאָלמעטשער! שאָלעם־אליכעם גייט נאָך ווייטער: ער פרעגט גאָר קאשעס וועגן די „גרונט־יעסוידעס" פון דעם „וועלט־סיידער"—פון דער עקזיסטירנדער קלאסן־אָרדענונג. אין די „צוויי נעשאָמעלעך" שטעלט ער די הארבע פראגע: „האיטאָכן? איז טאקע רעכט אזוי? דעם גאָר און דעם גאָרגישטן? דעם שטרוי, און דעם אטלעס? דעם לאקעטקעס, און דעם דאכקעס?" („א בינטל בלומען". בערדיטשעוו. 1888 י. ז. 6.) און אי דער, אי יענער זיינען דאָך אלע אייגענע מענטשן!.. דער „וועלט־הערשער" וויל אָפּ דער פּריקרער פראגע ניט ענטפערן, ריכטיקער, ער האָט זיך זיין דערזשימאָרדישן ענטפער: „קוק און שווייג!.." מיט אנדערע ווערטער „האלט ס'מויל!" שאָלעם־אליכעם קען אָבער ניט שווייגן! ער קען עפּשער ניט אָנווייזן דעם ריכטיקן אויסוועג פון דער פארשאָלטע־נער לאגע, ער פּראָטעסטירט קעגן אומגערעכטיקייט, קעגן אומגלייכקייט, ער רופט די מענטשהייט צו לינדערן דעם שמארץ און די ווייטעקן פונעם עלנטן און באַ־וואָלטן. אָדער... כאָטש שעמען זיך אין איר וויייטן האלדז! ניט שטענדיק קומען אזוינע פּראָטעסטן ארויס געראָטן בא ש"א'מען. אין זיין סקיצע „איך שעם מיך" דער־ציילט ער וועגן אזא „שעמעוודיקן" מענטשן: „די בלינדע פאָרטונע", „די האצלאָכע האָט אים א שמייכל געטאָן—און ס'האָט אים באגליקט"; זיין כאוועד איז אָבער דאפּקע ניט געגאנגען; אז זיין כאוועד איז איינמאָל צו אים ארײַן, האָט ער אים ניט פארבעטן אין זיינע „אפּארטאמענטן" ארײַן, ווייל... ער האָט זיך געשעמט מיט זיין רייכקייט:

„... איך שעם מיך מיט... מיט מיין גרויסארטיק הויז, מיט... מיט... פאר דיר פאר אן אלטן כאווער, פאר... פאר... זאָג מיר ווו וויינסטו? ווו שטייסט? איך וועל קומען, איך וועל זיין באדיר, איך וועל זיין בא דיר!..." („א בינטל בלומען" ז. 16).

דער אוטסאָר און העלד שטאמלען ביידע, זיי שעמען זיך מיט דער ניט יוישער־דיקער וועלט־אָרדענונג, זיי פילן זיך אָבער נאָך ניט בעקויעך איבערצומאכן א וועלט־סיידער. די סקיצע איז קינסטלעריש ניט איבערצײַגעוודיק, זי איז אָבער זייער כאראקטעריסטיש פאר ש"א'ס דאמאָלדיקע שטימונגען. שפּעטער אהינצו וועט ש"א בעסער באנעמען די פּראָבלעם, ער וועט זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם צונויפשטויסן מיט א גאניאלן פּראָיעקט פון איבערמאכן די אומגערעכטיקע וועלטאָרדענונג, ער וועט זיך איבער דעם פארטראכטן, ער וועט פּרווון דאָס אלץ באזייַיקן קינסטלעריש, ער וועט לאָזן אייניקע זיינע העלדן שטעלן די אלטע פראגע אָפּ אָט דער נייער פלאך... נאָר דאָס אלץ וועט זיין ערשט אין יאָרן ארום, און דאָס געהערט שוין ניט צו אונדזער טעמע, דערווייל קענען מיר אָפּמערקן נאָר ש"א'ס דעמאָקראטיזם און הומאניזם און קאָנסטאטירן, אז אין מעשעך פון זיין גאנצן לעבן זיינען זיי געווען כאראקטעריסטיש פאר אים אין אזא אָדער אין אזא פאָרם.

דער אײגענער מאָטיוו פונ לינדערנ יענעמס שמארצ... איז דורכגעפירט אינ אײנעם פונ די רוסישע לירישע עטיודנ ש״א׳ס אונ דאָס מאָל — דאפקע אַ זײער א קינסטלערישנ אויפנ. אינ „וועך פונ זײ בײדנ?״ שילדערט דער אוו-טאָר „אנ עלנדנ פאריער, דערשלאָגנ דורכ צאָרעס, הונגער, נויט אונ קעלט״, וואָס באשליסט מיט אײנ מאָל מאכנ א סאָפּ צו אלע זײַנע לײַדנ אונ וויל זיכ דערטהיג-קענ. עפּעס „א מענטש מיט א זעלבסטצופרידענעמ שמײכלענדיקנ פּאָנעמ״ האָט אימ אָפּגעהאלטנ דערפונ, דעמ „אָפּגעראטעוועטנ״ האָט ארומגערינגלט א טעמפּער, נײַגעריקער האמוינ. מע האָט אויסגעפרעגט, מע האָט דערצײלט, מע האָט זיכ געכי-דעשט... דער „געראטעוועטער״ האָט זיכ צעוויינט, ווי גערעדט: „פארוואָס האָט איר מיר ניט געלאָזט שטארבנ?״

„... אונ דער נײַגעריקער האמוינ האָט אלצ נאָכ טעמפּ געגלאָצט אפ אימ די אויגנ, אונ דער באָכער מיטנ זעלבסט־צופרידענעמ פּאָנעמ האָט מיט קאָנטיקנ פאר-געניגנ נאָכ אמאָל אונ נאָכ אמאָל אויספירלעכ דערצײלט וועגנ זײַנ העלדישנ טאט, אונ ס׳איז עפּעס ניט קאָנטיק געווענ, אז עמעצער זאָל זיכ כאָטש אפ א רעגע פאר-טראכטנ, ווי צו פארגרינגערנ די לאגע פונ דעמ דאָזיקנ מענטשנ...״

(„אָד. נאָוו״, דעמ 911 1893 י.)

ש״א רופט זיכ דאָ איבער באשײַנפערלעכ (אויכ אינ אײניקע אנדערע עטיודנ) מיט דער גרופּע ראדיקאלע יידישע שרײַבער, וואָס האָבנ זיכ אינ גאָר א קורצער צײַט ארומ גרופּירט ארומ פּערעצעס „יאָנטעוו-בלעטלעכ״. ש״א׳ס בליק איז אָבער גע-ווענדט אביסל אינ אנ אנדער זײַט. ער קענ ניט ענדיקנ זײַנ עטיוד, אפ אזא אויפנ, אשטײגער, ווי פּערעצ וואָלט אימ געענדיקט („באָנצע שווײַג״) ש״א זוכט דעמ „מענטשנ״ (פאראנ אפ דער וועלט נאָכ גוטע מענטשנ אויכ!) דעריבער לאָזט ער אופּטרעטנ א בארעמהארציקע פרוי, וואָס פירט אָפּ דעמ עלנטנ, צו זיכ אהײמ, האָט דעוועט אימ אָנ אונ טרײסט אימ, אונ „דער אומגליקלעכער האָט פארשטאנענ אפ וואָס פאר אנ אומזיניקנ שריט ער האָט זיכ געהאט אנטשלאָסנ, ווי שווער פארזינ-דיקנ זײַנ נעשאָמע ער האָט זיכ געקליבנ״.

„— וויינ, — האָט צו אימ געזאָגט די פרוי, — עס וועט דיר גרינגער ווערנ. איכ בינ זיכער, אז מער וועט עס שוינ ניט פאסירנ. דו ביסט אָרעמ, דאָס איז עמעס. דו ביסט אָבער געזונט אונ שטארק, דו קענסט ארבעטנ. גוטע מענטשנ וועלנ ניט אָפּזאָגנ זיכ צו געבנ דיר ארבעט״. „אונ זי האָט קײנ טאָעס ניט געהאט: אופגע-וועקט דורכ איר בײַשפּיל, האָבנ לײַט גע״לט זיכ אײנער פאר דעמ אנדערנ צוגעבנ אימ ארבעט״. די ערשטע, גרעסערע העלפט פונעמ עטיוד איז העכסט קינסטלעריש אונ באלערעוודיק. אינ אָדעס, אינ ניקאלאיעוו אונ אינ צענדליקער אנדערע שטעט פונעמ צארישנ רוסלאנד האָבנ טויזנטער ארבעטלאָזע זיכ דאנ געוואלגערט אונטער פרײַעמ הימל, האָבנ געהונגערט אינ בוכשטעבלעכנ זינענ פונעמ וואָרט, אונ קײנער האָט זיכ אפ זײ ניט אומגעקוקט. די זעלבע „אָד. נאָוו.״, ווו ש״א האָט געדרוקט זײַנ עטיוד, האָט מיט א פּאָר יאָר פריער געשריבנ, אז די אדעסער „באסיאקעס״, ד. ה. די פּאָרט־ארבעטער, וואָס רײַסנ אונטער זײערע קויכעס אינ מעשעכ פונ לאנגע כאַדאָשימ דורכ אומענטשלעכער האָרעוואַניע, מוזנ אינ ס ע ז אָ נ פ ו נ א ר ב ע ט ל ...



ז׳ קײַט אפילע לאָזנ זיכ אפ ישטיקע געניווועלעכ מיטנ אײנציקנ צוועק ארײַנצו-כאפּנ זיכ אינ טיורמע אונ איבערקומענ אפ אזא אויפנ די שווערע צײַט! אינ 1892 י. האָבנ די אָדעסער צײַטונגענ ווײַטער געבראכט ענלעכע שוידערלעכע יעדיעס פונ ניקאָלאיעוו אונ אנד. ערטער.

די ערשטע העלפט פונ ש״א׳ס סצענע האָט, אזוי ארומ, אויכ געקענט באטיטלט ווערנ מיט פולנ רעכט (ווי „מיר גײענ ארויס אפנ האפנ״) אלס „בילדל פונ דער נאטור״. הײסער מיטגעפיל צומ אומגליקלעכנ ארבעט-מענטשנ אונ צאָרנ קעגנ דעמ „טעמפּנ גלײַכגילטיקנ האמוינ״. אָבער ש״א זוכט נאָכ דערווײַל דעמ „מענטשנ״ אונ ער גיט צו צו זײַנ עטיוד א גאָר ווינציק בארעכטיקטנ טאָלסטאָווישנ סאָפּ (טאָלסטאָווישע מאָטיווּנ טרעפנ מיר אינ ש״א׳ס שאפנ ווענ-ניט־ווענ אויכ שפּעטער, אשטײגער אינ „מיט עטאפּ״). אונדזער יונגער געניאלער קינסטלער ווערט נאָכ דערווײַל צומאָל געשטרויכלט אונ גיט ארויס זײַנע הומאניסטישע כאלוימעס פאר ווירקלעכקײַט.

נישקאָשע, די צײַט אונ דאָס לעבנ וועלנ אימ אויסניכטערנ. צומ סאָפּ פונ זײַנ לעבנ וועט ער אינעמ גלענצנדנ עטיוד „בערל אײַזיק״ (1915 י.) נאָכאמאָל אומ-קערנ זיכ צו זײַנ אלטנ מאָטיוו אונ וועט דערצײלנ אינ פאָרמ פונ א ביטערנ אנעק-דאָט, אז דאָס קאפּיטאליסטישע אמעריקע איז א לאנד פונ „וואונדירימ״: „וואָס איר ווילט דאָס טוט איר. ווילט איר א פאבריקע — איז א פאבריקע, עפענענ א סטארקע, איז א סטארקע, שטופּנ א פּושקאר איז א פּושקאר. אניט — נעמט איר זיכ צו פעד-לענ, אָדער איר גײט ארבעטנ אינ א שאפּ — א פרײַע מעדינע! איר קאָנט אײַכ גע-שוואָלנ ווערנ פונ הונגער, אויסציענ זיכ אינ גאס וועט אײַכ קײנער ניט שטערנ, קײנ וואָרט ניט זאָגנ...״

וואָס פאר א מעהאלעכ עס ליגט צווישנ דעמ סענטימענטאל-טאָלסטאָווישנ סאָפּ פונ „וועך פונ זײ בײדנ״? אונ דעמ היפּערבאָליש-סארקאסטישנ שלוס־אקאָרד פונ „בערל אײַזיק״:

„אוואדע איז עס א טרויעריקע לעוואיע (דעמ אָרעמאנס — א. וו.) קײנ שומ צערעמאָניעס... נאָר צוויי שאמאָסימ קומענ צו גײנ, די שאמאָסימ פונ בײדע זײַטנ אונ אינ מיטנ דער בארמינענ — אונ אלע דרײַ שלעפּנ זײ זיכ, נעבעכ, צופוס גלײַכ ביז צומ בײסאלמענ... אָנ געלט, הערט איר, זאָל מענ גאָר ניט געבאָרנ ווערנ. א פאסקודנע וועלט!...״

זײַנ גאנצנ לעבנ איז ש״א געווענ א דעמאָקראט, א הומאניסט, אנ עמעסער פרײַנט פונ דעמ עלנטנ האָרעפּאשניק. זײַנ גאנצנ לעבנ האָט ער ניט אופגעהערט טײַנענ: „איז עס רעכט אזוי? אײנעמ גאָר, דעמ אנדערנ גאָרנישט?״ אינ אסאכ פונ זײַנע בעסטע דערצײלונגענ פארשטעלט נאָר אביסל דאָס אויסערלעכ קאָמישע זײַנ פארבאהאלטענעמ עמעסנ מײנ, אונ דער צווייידײַטיקער הומאָר לאָזט אונדז ניט שטענ-דיק אזוי גרינג אײַנזענ שאָלעמ־אלײכעמס הײסע ליבע צומ ארבעטנדיקנ טײל פונ זײַנע פארשווינדלעכ. אינ די „לידער אינ פּראָזע״ איז אָבער אלצ אנטבלויזט, דע-שיפרירט, דאָ זײַנענ שוינ קײנ שומ ספייקעס ניט מעגלעכ!

פארענדיקנדיק דעמ אנאליז פונ ש״א׳ס לירישע סקיצנ, וואָס באַרירנ די פראגע וועגנ דער אומגערעכטער סאָציאלער אָרדענונג, מוזנ מיר נאָכ זאָגנ א פּאָר ווערטער

װעגנ דער פײַנער ליד: „היט זיכ פאר גאנאָװימ". די ליד איז אריַינ אינ „א בינטל בלומענ". שפּעטער האָט ש"א זי אביסעלע געענדערט אונ אָפּגעדרוקט אינ „אָד. נאָװ." מיר גיבנ זי דאָ לױט דער רוסישער רעדאקציע.

„היט זיכ פאר גאנאָװימ".

„די דאָזיקע אופשריפט שײַנט אױבנ-אָנ אפ א װאָקזאל פונ N-ער אײַזנבאנ. איכ האָב זיכ אָבער געײַלט אונ, שטופּנדיק זיכ אינ דער מאסע, האָב איכ זי אינגאנצנ ניט באמערקט.

באלד האָב איכ דערפילט א פרעמדע האנט בא זיכ אינ קעשעניע; איכ האָב זי אָנגעכאפּט אונ שטארק, שטארק צוגעהאלטנ. איכ האָב אָנגעטאפּט א קאלטע, נאסע, אױסגעדארטע האנט. איכ האָב זיכ אומגעקערט אונ דערזענ...

„נײנ, איכ פיל זיכ ניט בעקױעכ צו באשרײַבנ דעמ ראכמאָנעס פּאָנימ, װאָס איכ האָב דערזענ, דעמ אומענדלעכ רירנדיקנ בליק, װאָס האָט מיכ באגעגנט.

„איכ קענ אײַכ נאָר פארזיכערנ, אז א קוק טוענדיק אימ אינ פּאָנעמ ארײַנ אונ דערזעענדיק זײַנ בליק, האָט זיכ מײַנ האנט אלײנ געעפנט אונ האָט ארױסגעלאָזט די אָנגעכאפּטע קאלטע, נאסע, אױסגעדארטע האנט.

„איכ האָב אימ דערלאנגט א מאטבײע, װעלכע ער האָט אונטערגעכאפּט מיט זשאדנאָסט (!) פונ א הונגעריקנ מענטשנ. ער האָט מיר אָנגעװיזנ מיטנ פינגער אינ יענער זײַט, װו ס'האָט אױבנאָנ געשײַנט די כאָכמעדיקע אופשריפט,—אונ איכ האָב אימ פארשטאנענ".

יאָ, ש"א האָט אײַנצײַטיק דערזענ צװײ זאכנ: א הונגעריקנ מענטשנ, װאָס שטעקט ארײַנ א האנט צו יענעמ אינ קעשעניע מיט דער האָפענונג צו גאנװענענ אפ א טרוקנ שטיקל ברױט (אונ עפשער גאָר מיטנ צװעק ארײַנצופאלנ אינ טורמע אונ איבערקומענ דאָרט די שװערע צײַט פונ ארבעטלאָזיקײַט?), אונ א װאָרנענדיקע אופשריפט פונ די „היטערס פונ רעכט אונ אָרדענונג", װאָס באשיצנ די קעשעניעס פונ „אױסגעפּוצטע לײדיקגײערס" פונ אָט אזױנע הונגעריקע „פארברעכערס"... ש"א האָט, נאטירלעכ, ניט געקענט בארעכטיקנ אונ האָט קײנמאָל ניט בארעכטיקט קײנ גענײװעס, ער האָט נאָר פּראָטעסטירט קעגנ אָט אזא געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, װאָס קענ דערפירנ אָרנטלעכע ארבעטלײַט ביז אזא פארצװײפלונג, אז אָדער נעמ זיכ דאָס לעבנ, אָדער גאנװע אומ דאָס לעבנ צו דערהאלטנ.

אונ װיפל געפיל, װיפיל איבערלעבונגענ, װיפיל ביטערע ראיױנעס—אינ א פּאָר צענדליק שורעס! װיפיל סארקאזמ אינ עטלעכע געצײלטע װערטער! די דאָזיקע ליד איז אפילע, ניט פונ די בעסטע „בלומענ", אָבער א פרעכטיק, פריש, דופטיק בלימעלע איז זי שוינ אױסער יעדנ סאָפעק...

פאראנ צװישנ ש"א'ס „בלומענ" א פּאָר סקיצנ, װאָס האָבנ געזאָלט װײַזנ די אנדער זײַט פונ דער ערשט באשריבענער מעדאל: דעמ „מענטשנ אינ פולנ זינענ פונעמ װאָרט". דאָ קלינגענ בא ש"א'ענ שוינ צו אָפט פאלשע טענער. די סיױזשעטנ אונ מאָטיװנ פונ די דאָזיקע לידער זײַנענ אָנגעװײעט, אפּאָנעמ, דורכ געװיסע סענטימענטאלע בורזשואז-הומאניסטישע מײַסעלעכ פונ דער װעלט-ליטעראטור. ש"א האָט זיכ געפּרוּװט אײַנפּאסנ זײ אינ א רעאליסטישער פאָרמע, כאָטש זײ האָבנ אינגאנצנ



ניט הארמאָנירט מיטנ ארומיקנ רעאלנ לעבנ, פארמאָגנ זײ דעריבער א גאנצע קנאפּע קינסטלערישע איבערצײַגעװודיקײַט. װעמענ קענ דענ בעמעס איבערצײַגנ א מײַסע װעגנ א רײַכער קאלע, װאָס פאָרנדיק פונ דער כופּע שענקט זי אװעק אלע אירע װוּנדערלעכע בריליאנטנ דער פאמיליע פונ אנ „אָרעמענ האָרעפּאשניק", װאָס זײַנ לעװאיע האָט זי באגעגנט, פאָרנדיק אהײמ צו דער כופּע-װעטשערע? אָדער װעמענ װעט רירנ די מײַסע װעגנ א יונגער רײַכער גרעפנ—א ליכטיקנ מאלעכ,—װאָס פארבלאָנדזעט אינ אנ אײַנגעפאלענער יידישער כאלופּקע, טוט א קוש א קראנקנ, שױנ שיר ניט געשטאָרבענעמ, כײדער-ײינגל, שיקט צו אימ א דאָקטער אונ איד אימ „מעכאיע-מײסימ"? אזױנע מײַסעלעכ טרעפנ מיר אינ דער װעלט-ליטעראטור, אזױנע צופאלנ—קאפּריזנ פונ איבערגעזעטיקטע מאכטהאָבער-עקספּלואטאטערס—האָבנ עפשער געטראָפנ אײנ מאָל אינ 100 יאָר אינ לעבנ אױכ, אָבער, סאָפּקאָלסאָפּ, איז עס דאָכ פאָרט ניט מער װי הומאניסטישע ראָמאנטיק, װאָס גיסט װאסער אפ די מיל-רעדער פונ די הערשנדע קלאסנ. פאר ש"א'מענ זײַנענ אזױנע מאָטיװנ לאכלוטנ ניט כאראקטעריסטיש, אונ מיר פארצײכענענ זײ נאָר אלס א צופעליקע, פרעמדע אופװירקונג.

שוינ גאָר אנ אנדער פּאָנעמ האָט די ליד „אײַנגעטײלט זיכ", זי איז ארײַנ אינ ש"א'ס געזאמלטע װערק אונ איז אלעמענ גוט באקאנט אינ איר שפּעטערדיקער, נײַער רעדאקציע. אינ „אָד. נאָװ." האָט זי זיכ אָנגעהױבנ אזױ:

„אפ װיפיל איכ געדענק, איז אינ מײַנ געבורט-שטעטל ניט געװענ ניט קײנ אָרעמ-הײַזער ניט קײנ קינדער-פריוטנ. ס'זײַנענ אָבער געװענ אסאכ גוטע מענטשנ, אָרעמעלײַט, װאָס האָבנ זײער גאנצ לעבנ געמאטערט זיכ אפ טױט אונ װאָס האָבנ אױסגעמאכט שיר ניט נײַנ צענדליק פונ אונדזער גאנצער געמײנדע"... װײַטער גײט די מײַסע װעגנ דעמ װאסערפירערס טױט אונ דער אסיפע. דאָס שטעכװערטל װעגנ „די פארנומענע נעגידימ" פעלט דאָ אינגאנצנ, אפ דער אסיפע בא דער אלמאָנע (ניט באמ ראָװ!), חוּ מע האָט באהאנדלט די פראגע, װי צו פארזאָרגנ די יעסױמימ, זײַנענ געװענ נאָר אָט די גוטהארציקע אָרעמעלײַט, אונ זײ האָבנ בעעמעס געקריגט זיכ צוליב דער גרױסער מיצװע צו פארזאָרגנ א יאָסעמ [1]. אינ דער שפּעטערדיקער רעדאקציע האָט די גאנצע מײַסע באקומענ א סאטירישנ בײַגעשמאק, אנשטאָט דעמ פריערדיקנ סענטימענטאלנ, אנשטאָט דער פריערדיקער גרונט-אידײע,—„פאראנ נאָכ גוטע מענטשנ אפ דער װעלט"—האָט ש"א איצט ארױסגערוקט גאָר אנ אנדערע: „שטארבט אנ אָרעמאנ אונ לאָזט איבער א טוץ יעסױמימ—כאָטש נעמ אונ װארפּ זײ אינ טײַכ ארײַנ!" דעריבער באקומט שוינ א צװײדײַטיקנ, איראָנישנ זינ אױכ דער פריערדיקער טמימעסדיקער שלוס-אקאָרד:

[1]) די גאנצע ליד אינ דער רעדאקציע דערמאָנט זײער שטארק טורגעניעװס „ליד אינ פּראָזע" װעגנ דעמ פױער, װאָס איז גרײט צו עסנ זײַנ פאכליאָבקע אָנ זאלצ, אבי נאָר צו פארזאָרגנ א יאָסעמ. אנ ענלעכער מאָטיװ, אינ אנ ענלעכער פאָרמע רײַסט זיכ דורכ אינ ש"א'ס אופרופ צו די יידישע שרײַבער װעגנ העלפנ יידישע ניסראָפימ (1910 י.) דאָרט שרײַבט ער, אז דעמ שטארקסטנ אײַנדרוק האָט אפ אימ געמאכט די ידיע, אז א שטעטל מיט אָרעמע לײַט האָבנ באשלאָסנ אָפּצוזאָגנ זיכ פונ זײער שאנעסדיקנ מאָלצײַט אונ אָפּגעבנ דאָס געלט לעסױװעס די ניסראָפימ.

„באַלאָנים אַפּ אַזאַ גרויסער מיצווע זײַנען געווען אַסאַך, און קינדער־סאַכאַקל זיבן...״

ש״א איז טאַקע געבליבן דער אייגענער הומאַניסט וואָס פֿריער, ער האָט זיך שוין אָבער אַנטוישט אינעם אַבסטראַקטן „מענטשן״ — די קלאַסן־דיפֿערענציאַציע האָט אים שוין צו שאַרף געשטאָכן די אויגן! די דאָזיקע אַנטדעקונג, אַז אַף דער וועלט עקזיסטירן ניט סתּם גוטע און שלעכטע מענטשן, נאָר מענטשן, וואָס האָבן זיך זייערע קלאַסן־אינטערעסן, האָט־געצווונגען ש״א׳מען איבערצוטראַקטירן שפּעטער נאָך אײנעם אַ פּערל פֿון זײַנע אַמאָליקע „בלומען״ — דעם „אויצער״.

דער אינהאַלט פֿון דער דאָזיקער אַלעגאָרישער ליד־מײַסעלע איז געבליבן קימאַט דער אייגענער „אַפּ יענער זײַט באַרג, הינטערן אַלטן בייסמעדרעש, געפֿינט זיך אַן אויצער״... (נאָר דעם אַלטן רעפֿרען — „אַזוי האָבן מיר דערציילט כאַוויירים — קינדער־״ די גוממוטיק־שמייכלענדיקע קאָנסטאַטאַציע פֿון אַ דערוואָקסענעם, וואָס דערציילט וועגן קינדישער נאַיִווער לײַכטגלויביקייט, האָט איצט פֿאַרביטן אַ ביטער־איראָנישער: „אַזוי האָט מען געשמועסט באַ אונדז אין שטעטל״ — אַ קאָנסטאַטאַציע פֿון שטעטלדיקן אידיאָטיזם!), אָבער די טראַקטירונג פֿון דער מײַסעלע איז געענדערט אין גרונט. אין דעם ערשטן (רוסישן) וואַריאַנט האָבן מיר פֿאָלגנדיקע באַדויעריש־מיטפֿילערישע שורעס פֿונעם שלוס־אַקאָרד:

„אַך, ווי עס האָט געבלוטיקט מײַן קינדיש הערצעלע יעדעס מאָל, ווען איך האָב פֿון דערווײַטנס דערזען דאָס אָרט, וווּ ס׳איז באַגראָבן געווען דאָס גליק פֿון אונדזער אָרעמער געמיינדע! וויפֿל האָב איך זיך אָנגעליטן, אויסהערנדיק די אומענדלעכע קריגערײַען, דאָס קלאָגן זיך, דאָס קרעכצן פֿון באַליידיקטע בידנע מענטשן! אָ, פֿון פֿולן האַרצן האָב איך זיי געווונטשן פֿרידן, ליכט, ליבע!...

„און די בידנע מענטשן פֿלעגן נאָך ניט באַווײַזן צו פֿאַרענדיקן מיט איין באַרויגעז, מיט איין קריגערײַ, ווי זיי פֿלעגן זיך שוין צוכאַפּן צו אַ צווייטער, די צאָל פֿון אומצופֿרידענע איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן, און דער טײַערער אויצער איז אַלץ טיפֿער געזונקען אין דער ערד אַרײַן!״

אין דער נײַער, יידישער רעדאַקציע איז דאָס ביטער־איראָנישע שמייכעלע איבער שטעטלדיקן אידיאָטיזם אַריבער אויך אין שלוס־אַקאָרד: „און מע האָט זיך אָנגעהויבן צו שפּאַרן און איבערשפּאַרן, צו אַמפּערן זיך און ווערטלען זיך, צו זידלען זיך און צו קריגן זיך, וואָס ווײַטער אַלץ מערער, אַלץ שטאַרקער, און אַלץ איבער אויצער... — „און דער אויצער... האָט געזונקען אַלץ טיפֿער אין דער ערד אַרײַן!״

אין פֿרידן און קעגנזײַטיקער ליבע, אין ברידערלעכער אַכדעס שטעקט אַן אויצער, אָבער באַליידיקטע, דערשלאָגענע, עלנטע מענטשן רײַסן זיך און בײַסן זיך און פֿאַרשפּילן אַזוי אַרום זייער גליק. סאַראַ ראַכמאָנעס אַפּ זיי איז, — דאָס איז דער אויספֿיר פֿון דער אַלטער מײַסעלע...

אין פֿרידן און אַכדעס — זאָגט מען — שטעקט אַן אויצער... אָבער... טאַקע צוליב די אויצרעס רײַסט מען זיך און מען בײַסט זיך, פֿרידן און אַכדעס קענען דעריבער ניט דערגרייכט ווערן! — דאָס איז דער ביטערער אויספֿיר פֿון דעם נײַעם מײַסעלע.



צו די שענסטע פּערלען פֿון ש״א׳ס „בלומען״ געהערן די פּאָר לידער וועגן יידישע כיידער־ייִנגלעך: „הינטערן הימל״ (שפּעטער „פֿונעם באַרג סינײַ״) און „עק וועלט״ (די לעצטע ליד איז ניט אַרײַן ניט אין „אַ בינטל בלומען״, ניט אין די רוסישע „לידער אין פּראָזע״; ווען זי איז צום ערשטן מאָל געדרוקט, ווייס איך ניט). וויפֿל מיטגעפֿיל צום דערשלאָגענעם, צעמיימעסטן כיידער־ייִנגל, פֿון וועלכן די מיטלאַלטערלעך־פּאַטריאַרכאַלע סוויווע וויל אויסראָטן יעדן נאַטירלעכן קינדערישן געפֿיל, דאָס פֿרײַע מוט, יעדע רעגונג פֿון נאַיִווּן, לוסטיקן און שטענדיק פֿאָרשערישן גײַסט! וויפֿל ליבע צום אומשולדיקן געזונטן קינד, וועלכן מע וויל איבערגוואַלד פֿאַרוואַנדלען אין אַ „ביניאָמינ דעם דריטן״! וויפֿל מיטגעפֿיל און ליבע שפּאַרט פֿון יעדער שורע פֿון אָט די ש״א׳ס פּערלדיקע לידער־מײַסעלעך. פֿײַנער, ראַפֿינירטער הומאָר באַהויכט אָט די צוויי פּערלען, אָבער לאַכן ווילט זיך אין דעם פֿאַל שוין נעשום אויפֿן ניט. ס׳איז אָן שום סאָפֿעק קאָמיש דער געוועט און גוזמעדיק־פֿאַרקלערנדיקע פֿאַרגלײַכונגען פֿונעם בייסמעדרעש מיט אַ קליין שטיבעלע, אַ טישל, אַ בענקעלע, אַ געמאָרע, אַ סידער, אַ וועלעשן ניסל, אַ פּאַסאָליע, אַן אַרבעסל, אַ מאַנדל, אַ מילב, אַ... אַ... אַ... און קיין קלענערס שוין ניט געקענט צוטראַכטן! ס׳איז ניט ווינציקער קאָמיש, אַז „באַ אַלעמען איז געבליבן דער העסקעם, אַז דאָ, הינטער דער ווינטמיל, איז עק וועלט, אַז ווײַטער פֿון דער מיל איז שוין די האָרע־כוישעך...״ אָבער ווער לאַכט עס פֿון אַ נאַיִוון קליין קינד, אַז עס ווײַזט אַרויס זײַן אינטעלעקטועלע באַגרענעצטקייט, אָדער אַז עס קײַט אָן קריטיק דאָס, „וואָס דער־וואַקסענע שפּײַען״... ניין, דאָ לאַכט זיך ניט! דאָ ווילט זיך גיכער וויינען, קריצן מיט די ציינן! אין אַנדערע ש״א׳ס דערציילונגען וועגן קינדער טרעט אויך זייער בולעט אַרויס דער דאָזיקער מאָמענט, דאָרטן איז דער עלעמענט פֿון ליבע־ראַכמאָנעס אויך זייער שטאַרק, אָבער דאָרט טרעפֿן מיר דאָס קינד דאָסראָך אין דער סוויווע פֿון דערוואַקסענע, אָדער דאָס קינד אַליין מאַכט אומשולדיק־קינדערישע, צי מאַמזערשע קיינדלעך, און מיר שמייכלען, מיר לאַכן דורך טרערן. אין די „בלומען״ אָבער ווערט דער געלעכטער דערשטיקט! באַזונדערס דײַטלעך איז עס אין דער רוסישער רעדאַקציע פֿון „הינטערן הימל״. אָט איז דער ערשטער אַבזאַץ:

„אינעם כוישעכדיקן שטעטעלע, וווּ איך האָב פֿאַרבראַכט מײַן עלנטע קינדהײַט, אַפּ יענער זײַט „שול״ שטייט אַ באַרג, אַ גאַדלעסדיק הויכער באַרג, הויך ביז דער כמאַרע, ביזן הימל. אַזוי האָט ער מיר, לעפּאָכעס, אויסגעוויזן אין יענער צײַט, ווען איך, אַ דערשלאָגענער, עלנטער מאַרטירער פֿון דער שטרענגער שול [פֿאַרן רוסישן לייענער פֿאַרבײַט ש״א שטענדיק דאָס וואָרט „כיידער״ אַפּ „שול״ — א. וו.] האָב געהאַט די מעגלעכקײַט פֿון צײַט צו צײַט, אי דאָס נאָר אַפּ אַ מאָמענט, אַ קוק טאָן אַפּ דעם אָ גאַדלען.

אָבער איינמאָל האָבן מיר זיך פֿאַרט פֿאַרקליבן אַפֿן באַרג. מיר זײַנען געווען באַ אַ צענדליק קליינװאַרג, שלאַפֿינקע, אומגליקלעכע א.א.וו.״

ס׳וואַרפֿט זיך אין די אויגן, אַז ש״א׳ס רײַכע רוסישע שפּראַך (דעם פּייזאַזש מאָלט ער זייער פֿאַרביק!) פֿאַרלירט מיטאַמאָל איר פֿאַרביקייט און דאָס וואָרט жалкий מאָזאָלירט שוין אַפּילע אַביסל די אויגן! דערשלאָגן, עלנט, שלאַפּ,

אומגליקלעכ—אָט וואָס פארא ווערטער עס קריכן אליין ש״א אפן צונג, בעיס ער רעדט וועגן דעם יידישן כיידער-ייִנגל.

די בילדער פון דערשלאָגענע, עלנטע יידישע קינדער רופן ארויס בא ש״א ריי אנדערע טרויעריקע אסאָציאַציעס; פּאָגראָמען און אנטיסעמיטיזם, וואָס ווירקן אזוי דערשיטערנדיק אפן קינדישן געמיט.

אין „א בינטל בלומען״ איז פאראן א ליד-מייַסעלע, „יאָסל פאטריאָט״. דאָ דער ציילט אונדז ש״א א מייַסעלע וועגן אן אויצער, וואָס די הייַדאמאקעס האָבן פאר גראָבן הינטערן באָד—„א גאנצער אויצער פון גאָלד און זילבער, פון קליי-זייַען פון פיל פארשיידענע זאכן—יידיש גוטס. די יידן האָט מען אפּ א שוידערלעכן אויפן אומגעבראכט און זייער גוטס „אינעם גראָבן טיף, טיף באהאלטן״.

„סע פארשטייט זיך,—קומט באלד א קאפּוליער אָנצוהערעניש ש״א,—אז דאָס איז געווען שוין לאנג, גאנץ לאנג, נאָך פאר כמעלניצקיס צייַטן״. אָבער יידישע קינדער, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם גאנצן שוידער פון די בלוטיקע פּאָגראָמען פון די 80-ער יאָרן (ש״א דערמאָנט זיי ניט, נאטירלעך, צוליב צענזור טייַמים, ווינקט אָבער אפ זיי אָן דורך זייַן קאפּוליער אָנצוהערעניש), מאכט דאָס דאָזיקע מייַסעלע א ביז גאָר שטארקן אייַנדרוק. זיי פארגיסן טייַכן טרערן, זיי דערציילן זיך איבערגעהערטע מייַסעס וועגן די מארטירער, זיי צינדן זיך אָן מיט צאָרן און נעקאָמע-געפילן... און ווייַטער דער אומדערוואַרטער, אָבער אומפארמייַדלעכער, ווי דער טויט—„אהיים, שקאָצים, אכבערוישיט, הולטייַעס! אין שול אריין, גאנאָווימ!״...

אין די רוסישע „לידער אין פראָזע״ טרעפן מיר אן אנדער וואריאנט פון דעם אייגענעם מאָטיוו. אין זייַן „ערשטער ליבע״ שילדערט אונדז ש״א די טראגעדיע פון א יידישן „בארמיצווע-באָכער״, וואָס פארליבט זיך אין אן אומבאקאנט רוסיש מיידעלע, לייַדט פון דער דאָזיקער „זינד״, קען זיך ניט אייַנהאלטן און גייט אלע טאָג פארבייַ אירע פענצטער און באקומט אלס באלוינונג פון דער געליבטער דאָס זידלוואָרט „זשידאָטשעק״, און א צעפוילטן עפּל, וואָס זי שלײַדערט אים אין פּאָנעם אריין און באגלייט נאָך איר העלדנטאט מיט א טייַוואָלאָנישן געלעכטער!

באריִרנדיק פארבייַגייענדיק די פּאָגראָמען און דעם אנטיסעמיטיזם, פאלט אָבער ש״א אליין ניט אריין אין קיין נאציאָנאליסטישער היסטעריק, וואָס האָט אלס עטעסע עפּידעמיע פארשפּרייט זיך דאן אין זייַן קרייַז. פארקערט, ש״א פרעגט אָן אין די „לידער אין פראָזע״ דעם ראסן-האס, פונקט ווי דאָס האָט געטאָן זייַן פריינט און לערער מענדעלע מויכער-ספאָרים.

אין זייַן ליד אין פראָזע „שכיינים״ (אין „וואָסכאָד״ הייסט זי שוין „וואניע״) שילדערט ער אונדז די אומזיסטע פייַנטשאפט פון שכיינים-ייִנגלעך א יידיש שנייַדערס א זון (שפּעטער—א קרעמערס) און א קריסטלעכן קליינעם גוטבאויצערס א זינדל. דער אנטאגאָניזם איז ארויסגערופן געוואָרן, נאטירלעך, אין דער ערשטער ריי דורך דער שאָוויניסטישער העצע פון די דערוואקסענע. ש״א באווייַזט אונדז ווי דאָס קינסטלעכע שיידוועגל צעפאלט זיך ווי שפּינוועבס בא דער ערשטער



[...]ענטערער באקאנטשאפט פון ביידע קינדער—זיי ווערן גוטעפרייַנט. דעם מאָטיוו [...]ון אינטימער פרייַנטשאפט פון יידישן און קריסטלעכן קינד, וואָס ווערט געשטערט [...]אמאָל דורך די פארנארטע דערוואקסענע, וועלן מיר שפּעטער טרעפן אין ש״א דער[...]יילונג „ערעוו-פייסעך אין דאָרף״. אין „טעוויע״, אין „שמוליקן״, אינעם „מאבל״ [...]ועלן מיר זען שוין די נאטירלעכסטע פרייַנטשאפט פון דערוואקסענע האָרעפּאשנע [...]ידן און קריסטן, וועלכע די הערשנדיקע קלאסן ווילן צעקריגן און אָנרייצן איינע [...]אפ די אנדערע. ש״א האָט שטענדיק פּראָטעסטירט קעגן דעם קינסטלעכן צעבלאָזענעם [...]ראסן-האס, צי נאציאָנאלן האס, ער האָט שטענדיק גערופן צו פעלקער-פרייַנטשאפט.

מיר שטעלן זיך ניט אָפּ אפ עטלעכע „לידער״, וואָס זייַנען פול מיט אופרעגונג [...]יבער פאלשקייַט פון גוטעפרייַנט, איבער קינע, אָנגענומענע ליגנס א.א.וו. מיר [...]ועלן נאָך זאָגן נאָך א פּאָר ווערטער וועגן ש״א ליד אין פראָזע: „דער באדכן״, [...]דער „דער לעצטער קונץ״.

ש״א שילדערט אן אלטן הויקער א באדכן, וואָס האָט „פריילעך געמאכט״ די [...]ידנע, פארמאָרעשכוירעטע מאזעפּעווקער יידן. זייַן געלונגנסטער שפּיצל, אָדער קונץ [...]ז באשטאנען דערין, וואָס ער פלעגט זיך פארשטעלן פאר א טויטן, פלעגט [...]יבערטראָגן קלעפּ, סטוסאקעס און שפּילקע-שטאָכן און פלעגט זיך ניט רירן פונעם [...]ארט. דערנאָך פלעגט ער אופשטיין, הילכיק צעלאכן זיך, דערנאָך צעוויינען זיך [...]ן דאן ווייַטער צעלאכן זיך. איינמאָל איז ער באם ווייַזן דעם דאָזיקן קונץ פון [...]פארבן אפצופלייַסן, געשטאָרבן אפ אן עמעס. און די „פריילעכע״ געזעלשאפט [...]אָט זיך א גאנצענע נאכט לוסטיק געמאכט איבערן מעס, ביז מע האָט זיך געכאפּט...

סארא שוידערלעכער קונץ, סארא אָפּשטויסנדיקע פארווייַלונג: לעבעדיקע מייַסים [...]אכן כויזעק פון א עמעסן—מעס; א הויקער א זאָקן מאכט פריילעך דעם אוילעם [...]ן שוועל פון קייווער דורך אומזיניקע נארישקייַטן!

א שארפן, טערפּקן רייעך האָט ש״א׳ס „בינטל בלומען״, ער זעצט אין נאָז און [...]טט ארויס טרערן אפ די אויגן! דאָס אָרעמע, הוויִנירטע, אידיאָטישע יידישע [...]שטעטל, ארומגערינגלט פון א לאנד, ווו ס׳הערשט פּאָליציייִשער טעראָר, און [...] א גאנצער וועלט, ווו ס׳הערשט אומגלייַכהייַט, אומגערעכטיקייַט, ברוטאלע [...]מענטשלעכקייַט,—דאָס האָט אופגערעגט ש״א דעם דעמאָקראט און הומאניסט און [...] האָט אויסגעפלאָכטן א קוואָרים-קראנץ פאר דעם אלעמען. אָבער איינציקייַטיק [...]ט ש״א דער הומאניסט, פאר וועלכן ס׳איז נאָך דאן ניט גאָר קלאָר געווען דער [...]עק צווישן ברידער-קריגערייַ (פאראן אזא מאָטיוו אין זייַנע „בלומען״) און קלאסן-[...]אמפּ, געקענט אריינפאלן אין אָנהייב 90-ער יאָר אין סענטימענטאל צעקראָכענע [...]ימונגען, און ער האָט געקענט אוועקשטעלן זיך זוכן דעם „מענטשן״ אין גאָר [...]דערוואַרטע געשטאלטן: אין א רייַכער בורזשואזער קאלע, א יונגער בארעמ[...]הארציקער גרעפן, אָדער אין א מעלאמעד—אן אכזער:

„מאלכאמאָוועס (деспот жестокий, мучитель)—אזוי רופ איך אים שטענדיק, ווען מיר קומט אויס ריידן וועגן אים. ער איז טאקע געווען א מערדער. זייַן אכזאָריעס האָט ניט געוווסט פון קיין ראכמאָנעס. אין זייַן ברוטאלקייַט איז ער געווען דערפינדעריש ביז ווירטואָזקייַט. מיט מערקווירדיק-

סטער קאלטבלוטיקייט האָט ער געריסנ שטיקער פלייש פונ אונדזערע יונגינקע קערפּערלעכ א.א.וו."

אונ אָט צו דעמ מערדער איז געקומענ אנ אָרעמע ייִדענע מיט א הונגעריקנ, האלב-דערפראָרענעמ אויפעלע. דער מעלאמעד, דער מערדער גיט אוועק דעמ קינד זיינ ווארמעס, גיט דער מאמענ א נעדאָווע, לאָזט בא זיכ דאָס קינד איבער ווינ-טער א.א.וו. האקלאל, ווייטער א פאראלעל צו טורגעניעווס פּויער, וואָס איז מאקריוו זיינ לעצט ביסל זאלצ צוליב אנ אָרעמענ יאָסעמ.

נאָכ אינטערעסאנטער איז דער רוסישער ווארִיאנט פונ „אנ אזעס". דער ייִדישער ווארִיאנט (1888 י.) איז א גלענצנדער פּערל, אנ עכט שאָלעמ-אליייכעמשע ביטערע הומאָרעסקע וועגנ דער אומגלייכהייט אפ דער וועלט. דער רוסישער ווארִיאנט (1893 י.) האָט שוינ עפּעס אנ אנדער בייגעשמאק.

„ער איז אויכ א מענטש".

„אפנ שוועל פונ דער אלטער, האלב-איינגעפאלענער שול איז געזעסנ דער שוואכער זאָקנ רעב יאנקע, וואָס האָט זיכ קוימ-קוימ דערנערט דורכ נעדאָוועס פונ אָרעמע, אָבער גוטע מענטשנ.

ווי ליכטיק שיינט די זונ! ווי ווארעמ זיינענ אירע שטראלנ!

אז די נאטור דערוואכט, פארוואָס זשע זאָל רעב יאנקע זי אויכ ניט באַ-גריסנ? אז נאָכ לאנגנ שווערנ ווינטער וואכט אופ דער פרילינג, פארוואָס זאָל רעב יאנקע אויכ ניט זאָגנ אימ א גוט-מאָרגנ?

פּלוצימ האָט איבער דעמ ווייכנ שטויביקנ וועג א טראָג געטאָנ זיכ א קארעטע מיטנ גראפס הערב. דאָס איז געפאָרנ דער „פּאנ קאָמיסאר" אליינ.

די קארעטע איז באלד פארשוווּנדנ. עס איז איבערגעבליבנ נאָר א וואָלקנ שטויב, וואָס האָט אפ א רעגע פארשטעלט פונ דעמ זאָקנס אויגנ די הערלעכע זונענ-שטראלנ אונ די ווונדערלעכע פּאנאָראמע פונעמ פּרעכטיקנ פרילינגס-טאָג.

— סארא האָזע מיצאד דעמ יאסנעוועלמאָזשנעמ פּאָרעצ! — האָט רעב יאנקע א מורקע געטאָנ אינ באָרד ארײַנ. — ניט-שוינ קענ מענ ניט פּאָרנ אביסל שטילער אינ אזא פרימאָרגנ? — אָבער באלד האָט ער צוגעגעבנ: „נאָר ווער ווייס, ער איז אויכ א מענטש... עפּשער איילט ער זיכ ערגעצ".

אינ דעמ רוסישנ ווארִיאנט פעלט, ערשטנס, די העכסט כאראקטעריסטישע הומאָ-ריסטישע שילדערונג פונעמ שנאָרער — „דעמ אָ ר ע מ ע נ אָרעמאנ, וואָס גייט איבער די הייזער אונ נעמט פּרוטעס בא די ר ײַ כ ע אָרעמעלײַט", דאָ פעלט אויכ דער כויזעקדיק-צווייידייטיקער פּראָטעסט קעגנ סאָציִאלער אומגלייכהייט. אָנשטאָט דעמ באקומענ מיר א מינ סענטימענטאלע אידיליע, וואָס איז שוינ לאכלוטנ ניט כאראק-טעריסטיש פארנ דעמאָלטיקנ ייִדישנ לעבנ.

ס'איז זייער מעגלעכ, אז כוצנ ווילנ צו ווייזנ אנ אידעאלנ מענטשנ, וואָס איז אלצ מויכל אונ זוכט אפ יעדערנ א זכוס, האָט אפ ש"א דאָ געווירקט נאָכ דער צענזור-דרוק. אינ דעמ רוסישנ ווארִיאנט פונ די „צוויי נעשאָמעלעכ", אשטייגער,



איז ארויסגעפאלנ די הארבע קאשע „איז עס רעכט אזוי? איינעמ גאָר, דעמ אנדערנ גאָרנישט!" די דאָזיקע קופּיור, מיינ איכ, האָבנ מיר צו פארדאנקענ דעמ אָדעסער צענזאָר, וואָס האָט מיט עטלעכע טעג פריִער געכאפּט א גאָב פונ נאטשאלסטווע, פארוואָס ער לאָזט דורכ אינ „אָד. נאָוו." *) — אינ א „פּאָלקסצייטונג, ד. ה. אזוינער, וואָס איז באשטימט ניט נאָר פארנ פּ ו ב ל י ק ו מ, נאָר אויכ פ א ר נ פ אָ ל ק, ד. ה. נאָר די נ י ד ע ר י ק ע ק ל א ס נ פונ דער באפעלקערונג" **) — צו שארפע פעליעטאָ-נענ. אָפּגעבריט זיכ אפ הייסע לאָקשנ, האָט דער צענזאָר שוינ געבלאָזנ, אפאָנעמ, אפילע אפ קאלטע פארפל. מעגלעכ, אז ש"א האָט דעריבער באצייטנס שוינ גע-ענדערט זיינ „אנ אזעס" אונ האָט אויסגעמיטנ צו שטעלנ די „קראמאָלנע" קאשע אפילע אינ א כויזעקדיק-צווייידייטיקער פאָרמע („ער איז אויכ א מענטש" איז אָפּ-געדרוקט אינ „אָד. נאָוו." דעמ 16-טנ יאנוואר 1893 י.). אָבער דער סענטימענטאל-אידילישער טאָנ, ווי מיר האָבנ שוינ געזענ, איז דעמ דעמאָלטיקנ ש"א אויכ בעשום אויפנ ניט פרעמד געוועזנ.

מיט דער צייט האָט זיכ ש"א באפרייט פונ זיינ אבסטראקטנ הומאניזמ, וואָס האָט פארזענ דעמ קלאסנ-מענטשנ הינטערנ „מענטשנ סטאמ", דערפאר איז נאָכ גוילעטער ארויסגעטראָטנ זיינ דעמאָקראטישער הומאניזמ.

כוצ „לידער אינ פּראָזע" האָט ש"א געשריבנ אינ די 90-ער יאָרנ אויכ פאָלקס-טימלעכע מייסעס — „דער באָבעס מייסעס", ווי ער האָט זיי אָנגערופנ. די ערשטע צוויי מייסעס האָט ש"א געמוזט אָנשרייבנ סאָפ 1892 י., אָדער אָנהייב 1893 י.; ווענ ער האָט זיי אָפּגעדרוקט אינ „אָדעסקיִע נאָוואָסטי". איינע פונ די מייסעס — „פינטע-גאזלענ" — האָט ער שפּעטער, אינ 1899 י., איבערגעדרוקט אינ „כראָניקא וואָסכאָדא" (№ 12), די צווייטע — „די ווונדערלעכע טאבאקערקע" — האָט ער אינגאנצנ איבערגעארבעט, מע קענ אפילע זאָגנ — געשאפנ א נייע מייסע „דעמ גראפס ראָק", (ער האָט דאָ פארשארפט די קריטיק פונ פּאָרעצ — לייבייגנטימער!) אונ אָפּגעדרוקט זי אינ דעמ אייגענעמ וואָכנבלאט (№ 15). אינ דער אייגענער צייט שרייבט ער אָנ א שפּאָגל נייע מייסע: „דעמ זיידנס שקאפע". ער קלייבט זיכ אָנשרייבנ פונדאָסניי „די ווונדערלעכע טאבאקערקע". די לעצטע מייסע האָט ש"א אָבער שוינ ניט אָנגע-שריבנ, ווייל די רעדאקציע פונ „וואָסכאָד" האָט ניט אָפּגעדרוקט אפילע די „שקאפע", ווייזט אויס, צוליב עפּעס געוויסע באדינגונגענ, וואָס ש"א האָט איר גשטעלט. דער מאנוסקריפּט פונ דער מייסע, געשריבנ מיט ש"א האנט, געפינט זיכ איצט אינ אלוקראִינישנ מוזיי פאר ייִד. קולטור, אינ אָדעס (אפנ שארבלאט איז דאָ עפּעס אנ אומקלאָרע אָנווייזונג אפ געוויסע באדינגונגענ...)

די 3, ריכטיקער 4, פאָלקסטימלעכע מייסעס זיינענ פאר ש"א לאכלוטנ ניט כא-ראקטעריסטיש, זיי שטעלנ מיט זיכ נאָר פאָר דאָקומענטנ, וואָס זאָגנ אייִדעס וועגנ א געוויסנ געמיט-צושטאנד פונ אונדזער געניאַלנ קלאסיקער אינ א באשטימטער עפּאָכע אונ ווייזנ אונדז גלייכצייטיק, ווי אָרגאניש ס'איז געוועזנ פאר אימ די שטרע-בונג צומ שטרענגסטנ קריטישנ רעאליזמ.

*) דאָ איז געדרוקט געוואָרנ דעמ 7-טנ נאָיאבער 1892 י די „ליד".

**) ווענדונג פונ הויפּט-צענזור-פארוואלטונג פונ 5-טנ נאָיאבער 1892 י. דאָס איז שוינ אָבער די צווייטע ווענדונג; די ערשטע איז נאָכ געוועזנ סאָפ אָקטיאבער.

ש״א האָט שטענדיק געשעפּט מיט פולע הויפנס פונעם פאָלקס־קוואַל; ער האָט שטענדיק געזאַמלט און ברייט אויסגענוצט אין זײַנע ווערק דעם יידישן, און אַפילע רוסיש־אוקראַינישן, פאָלקלאָר; מיט די פּערלען פון דער פאָלקס־חכמה האָט ער אַלעמאָל געווירצט און געפעפערט זײַן אייגענעם אומשטערבלעכן הומאָר. שאָלעם־אַלייכעם האָט אָבער קיינמאָל ניט געשטרעבט צו עטנאָגראַפישער פּינקטלעכקײַט באַם איבערגעבן פאָלקלאָר־מאַטעריאַלן; א שפּריכוואָרט, א פאָלקס־ווערטל, א מײַסע, אַן אַנעקדאָט האָט ער קיינמאָל ניט אויסגענוצט אַלס זעלבסטשטיליקן מאַטעריאַל, נאָר בלויז אַלס ציגל פאַר זײַנע אייגענע ביניאָנים. נאָר אין „דער באָבעס מײַסעס״ איז ש״א אָפּגעטראָטן פון זײַן שטייגער און האָט געשטרעבט אײַנצוהיטן מער־ווינציקער דעם עטנאָגראַפישן קאָלאָריט, איבערצוגעבן זײַנע „מײַסעס שעהאָיו״ (быль) קימאַט בוכשטעבלעך אַזוי, ווי זיי זײַנען אַרויסגעקומען פונעם פאָלקס־מויל! אָבער אויך דאָ האָט זיך געלאָזט פילן ש״א דער קריטישער רעאַליסט, וואָס האָט ניט געקענט באַציִען זיך נייטראַל צו נאַרישע זאַבאַבאָנעס און גלויבונגען און האָט זיי געמוזט אויפרײַסן פונינווייניק—דורך דער עצם דערציילונג גופע.

א שטאַרקער אינטערעס פאַר דער פאָלקס־מײַסע האָט זיך געפילט צום סאָף פון 19־טן י״ה בײַ א ריי יידישע שרײַבער. צו דער פאָלקס־מײַסע האָט זיי צוגעצויגן די אייגנאַרטיקע קינסטלערישקײַט איר, דער „באַצויבערנדיקער״ נאַיווער גלויבן פונעם פאָלקס־מענטשן—איר שעפער—זײַן „גאַנצקײַט״ און זײַן עכט דעמאָקראַטישע וועלט־אָנשויונג. באַנאַנד מיט דעם געזונטן דעמאָקראַטישן קערן פון דער פאָלקס־מײַסע האָט מען, אַף אַזאַ אופן, אָפּט דורכגעשלעפּט אין דער ליטעראַטור אויך א היפּש ביסל ראָמאַנטיש־רעאַקציאָנערע שטימונגען, וואָס זײַנען גאָר אָנגעבונדן געוואָרן דעם האָרעפּאַשניק דורך די הערשנדיקע קלאַסן און זייערע מעשאָרסים—די קליי־קוידעש.

שאָלעם־אַלייכעם איז אָבער ניט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רעאַקציאָנערער ראָמאַנטיק, וואָס האָט זיך געפונען אין דער פאָלקס־מײַסע און האָט אויסגעשיילט פון איר דאַפקע דעם דעמאָקראַטישן קערן. שאָלעם־אַלייכעם דערציילט זײַנע מײַסעס אין נאָמען פון אַן אַלטער באָבען, און דער הויפּטהעלד זייערער איז אַן עלטער־עלטערזיידע, א פּאָשעטער האָרעפּאַשניק, אָבער אַן „עמעסער ערלעכער ייִד״. ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די באָבע פאַרשטייט ערלעכקײַט אין טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן זינען פונעם וואָרט און גלייבט דעריבער פון גאַנצן האַרצן, אַז גאָט האָט געטאָן ניסים מיט דעם צאַדיק—דעם האָרעפּאַשניק. ש״א צווינגט אָבער די באָבע צו ברענגען בײַשפּילן פון דעם זיידנס ערלעכקײַט, און דאַן ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער איז געווען ניט אַזוי פרום, ווי פּאָשעט ערלעך אין אונדזער זינען, און די ניסים ווערן עפּעס אויך אויס ניסים.

„מײַן זיידע און אײַער עלטער־עלטערזיידע,—דערציילט טמימעסדיק די באָבע,—איז געווען א גוטער, ערלעכער ייִד, האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך א גוטן נאָמען און האָט באַם לעבן אויך געניאָסן גרויס אכטונג, און א לעוואַיע האָט ער געהאַט, אַז יעדער ערלעכער ייִד מעג זיך אַזוינס ווינטשן.

„איר מיינט אַוואַדע, אַז ער איז געווען א גרויסער לאַמדן, א גוויר,



אָדער ער האָט געשטאַמט פון גרויסן ייִכעס? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן פאַרקערט, ער איז געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פאָלעס, דער ייִכעס זײַנער איז אויך געווען ניט אײַ־אײַ־אײַ—ניטאָ וואָס צו לייקענען—און קיין לאַמדן איז ער אויך ניט געווען, ווײַל ער איז געווען א יאָסעם, וואָס האָט פון קינדווײַז אָן געדאַרפט האָרעווען און פאַרדינען זיך אַף א שטיקל טרוקן ברויט. קורץ גערעדט, ער איז געווען, זאָל ער מיר מויכל זײַן, א פּאָשעטער שנײַדער״. („פּינטע־גאַזלען״).

אין אַן אַנדער מײַסעלע טײַנעט ווײַטער די באָבע:

„איר ווייסט דאָך, קינדערלעך, אַז מײַן זיידע און אײַער עלטער־עלטער־זיידע אָלעוואַשאָלעם איז געווען, זאָל ער מיר מויכל זײַן, א שנײַדער. נאָר ניט פון יענע שנײַדער, וואָס האָבן זיך איצט,—גאָט זאָל מיר ניט שטראָפן פאַר די רייד,—צעפלאָדעט אַף דער וועלט. ניין! מײַן זיידע, און אײַער עלטער־עלטערזיידע, איז געווען, נעבעך, אָרעם, זייער אָרעם, עפּשער דער גרעסטער קאַפּצן אין מאַזעפּעווקע. אָבער א שעם האָט ער געהאַט אין דער גאַנצער געגנט ווי א ראָוו א מעפורסעם. איר פרעגט פאַרוואָס? איך האָב שוין אײַך אַמאָל געזאָגט, קיין גרויסער לאַמדן איז ער אַפילע ניט געווען, נאָר ערלעך און גערעכטיק איז ער געווען ווי דער גרעסטער צאַדיק, זאָל ער דאָרטן זײַן א גוטער בעטער פאַר אונדז אַלעמען״.

און דעם זיידנס ערלעכקײַט איז באַשטאַנען דעריקערשט דערין, וואָס ער האָט ערלעך פאַרהאָרעוועט זײַן שטיקל ברויט, האָט ניט באַנוצט זיך מיט „ייִטער־רעשטלעך פון צײַג, וועלכע שנײַדער נעמען צו געוויינלעך פאַר זיך) און האָט אומגעקערט איינעם א גראַף א מאַטמען מיט געלט, וואָס דעם גראַפס פאַרשטאָרבענער ברודער—א קאַרגער כאַזער און א מערדער א לײַבייגנטימער—האָט אַמאָל פאַרנייט אין זײַן אַלטן ראָק, וועלכן דער שנײַדער האָט גראָד איצט איבערגענייט. דער שנײַדער האָט אַפילע אין דעם פאַל ניט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז גאָט האָט אים באַשערט „א קאָשערע מעציִע״, און אומגעקערט די געלט דעם פאַרשטאָרבענעמס יוירעש, אויך א קאַרגן כאַזער, א מערדער א לײַבייגנטימער (ער האָט געקענט פאַרשמײַסן אַף טויט א פויער פאַר גאָרנישט מיט נישט!) און דערצו נאָך א צוירער־האַיהודים (א פאַרביסענער אַנטיסעמיט), וועלכן ייִדן האָבן אַנדערש ניט גערופן, ווי מאַלכאַמאָוועס!

אָט פאַר דער ערלעכקײַט האָט גאָט געטאָן מיטן זיידן „גרויסע ניסים״. איינמאָל איז אים אין וואַלד באַפאַלן פּינטע־גאַזלען און האָט אים געוואָלט דערהאַרגענען. דער זיידע האָט זיך קוים אײַנגעבעטן באַם גאַזלען, יענער זאָל אים לאָזן אָפּזאָגן ווידוי. דערווײַל איז אומדערוואַרט אָנגעפאָרן דער איספּראַווניק און דער גאַזלען איז אַנטלאָפן. דער קאַרגער גראַף, וואָס איז איבעראַשט געוואָרן פון דעם זיידנס ערלעכקײַט, האָט אים געשאָנקען א ווונדערלעכע טאַבאַקערקע, וואָס דורך איר איז דעם שנײַדערס מישפּאָכע שפּעטער אויפגעריכט געוואָרן. און לעסאָף, די מײַסע מיטן פערדל—דעם גילגל. דער זיידע, פאַרשטייט איר מיך, האָט געהאַט א פערדל א פּעגירע, וואָס האָט ביכלאַל קיין כיישעק ניט געהאַט צו שטעלן פיס. איינמאָל

איז דער זיידע געפֿאָרן אהיים, און דאָס פערדל האָט זיך פאַראקשנט און ניט געד־ רירט זיך פֿון אָרט. דער זיידע פּרוווט מיט גוטנ—עס העלפט ניט! ער הייבט אוף אפֿן פערדל א בייטש, טוט דאָס פערדל א קוק מיט אזוינע אויגן, אז דער זיידע פֿארלירט זיך און לאָזט דעם פערדל טאָן, וואָס עס וויל. דאָס פערדל פֿארקערעוועט אפּ צוריק און ברענגט דעם זיידן אין דער קרעטשמע, פֿונוואַנען ער איז ערשט אָפּגעפֿאָרן. באלד ווייַזט זיך ארויס, אז דאָרטן אפֿן וועג האָבן געלויערט גאזלאָנים, וואָס האָבן שפּעטער אביסל געהארגעט צוויי יידישע סאָכרים, און דער זיידע איז ניצל געוואָרן נאָר אדאנק דעם פערדלס געטלעכן כוש. פֿאר קיינעם איז שוין מער קיין סאָפעק ניט געווען, אז אין פערדל שטעקט א גילגל.

„דער זיידע האָט, פֿארשטייט זיך, געבענטשט גוימל און האָט אלעמען דערציילט וועגן דעם נעס. אלע מאזעפּעווקער יידן האָבן כיישעק געהאַט א קוק צו טאָן אפֿן ווונדערבארן פערדל, נאָר קיינעם איז עס ניט באשערט געווען, ווייַל גראָד יענעם טאָג האָט דאָס בידנע באשעפעניש, צי פֿאר הונגער, צי ווייַל די יאָרן זייַנען אים אויסגעגאנגען, אויסגעצויגן די פֿיס...” („דעם זיידנס שקאפע”).

מיט פֿייַנעם, ביז גאָר פֿייַנעם הומאָר באלויכט ש״א דער באָבעס נאַיווע דער־ ציילונגען. ער שמייכלט אונטער, ווען די באָבע כאזערט איבער דעם נעגידישן ביטלדיקן „זאָל ער מיר מויכל זייַן, א שניידער געווען”. דער באָבעס היספּייַלעס פֿאר גאָטס ניסים באלייַכט ער מיט א מין פֿארשטעלטער איראָניע, ווי אין דעם באוווּסטן פֿאָלקס־וויץ: „גאָטס ניסים: די קאַץ לויפֿט און דער עק נאָכ!”. ניט נאָר אין די ערשטע פֿאָר דערציילונגען, ווו דער נעס קען דערקלערט ווערן אפּ א גאנץ נאטירלעכן אויפֿן, נאָר אפֿילע אין דער לעצטער מייַסע, ווו דער נעס איז שוין א „באשייַמפֿערלעכער”, פֿרעגט אים ש״א אויך אָפּ לאכנדיק.

„... ווער ווייס,—טייַנעט אייַנ דער זיידע מיט זייַן ווייַב,—עפּשער איז גאָר באַם פערדל פֿאראַנ א נעשאָמע און עפּשער גאָר א יידישע נעשאָמע, וואָס קומט אָפּ אלס גילגל פֿאר אירע שווערע זינד! טו נאָר א קוק, מאלקע, ווי דאָס קוקט אפּ אונדז און מאכט מיט די אויערן, אז מיר ריידן וועגן אים. אָבער די באָבע אָלעווהאשאָלים, זאָל זי מיר מויכל זייַן, לאכט זיך אויס פֿון דער „זינדיקער נעשאָמע” און זאָגט, אז דאָס פערדל קוקט אהער, ווייַל עס וויל עסן, און מאכט מיט די אויערן, ווייַל עס וויל אָפּטרייַבן די פֿליגן...”

דער „אמהאָרעצ—דער קרעטשמער” לאכט אויס דעם זיידן, אז יענער דערציילט אים די ווונדער פֿונעם פערדל, וואָס האָט זיך אייַנגעשפּארט און וויל ניט פֿאָרן אהיים... און וויפֿל אנדערע ערטער זייַנען פֿאראַנ אין דער מייַסטערישער דער־ ציילונג, ווו ס׳ווערט אויסגעלאכט דער גלויבן אין גילגולים און ניסים! אפֿילע דאָס פֿייגערן פֿונעם פערדל, וואָס אַנ אנדער שרייַבער וואָלט זיכער געשילדערט דאָס אָפּטראָגן זיך פֿונעם גילגל נאָכ זייַן אנטפּלעקונג, באשרייַבט ש״א מיט ביטל און איראָניע.

שאָלעמ־אלייכעמען האָט צוגעצויגן צו דער באָבעס מייַסעס די וואַרעמע ליבע צום ערלעכן האָרעפּאשניק און דער אייגנארטיקער, פֿארשלייערטער פּראָטעסט



פֿונעם באלמעלאָכע קעגן זייַן נידעריקן סאָציאלן מאַצעוו און קעגן דעם ביטל צו אים מיצאַד די ייכעסדיקע פּאראזיטן! אויסטייַלנדיק און אונטערשטרייַכנדיק אָט דעם געזונטן דעמאָקראטישן קערן פֿון דער פֿאָלקס־מייַסע, ווארפֿט ש״א אייַנצייַטיק אָפּ די רעאקציאָנערע זאבאבאָנעס, וואָס דער דערשלאָגענער ארבעט־מענטש האָט בא־ קומען בעיערושע פֿונעם פֿינצטערן מיטלאלטער און וואָס דער הערשנדיקער קלאַס האָט געסטארעט זיך אָפּצוהיטן און צו פֿארפֿעסטיקן אין מויכעס פֿון די עקספּלוא־ טירטע פֿאָלקס־מאסן.

ש״א, דער דעמאָקראט און הומאַניסט, האָט זיך געפּרוווט אויסנוצן טכילעס פֿאר זייַנע צילן די פֿאָלקס־מייַסע אין איר ריין עטנאָגראפֿישער פֿאָרמע, שפּעטער אָבער האָט ער געפֿונען מער פּאסיקע און צוועקמעסיקע אויפֿאַנים, ווי אייַנצופֿלעכטן זי אַנ איבערגעארבעטע אין זייַנע ווערק.

---